NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05481

DRAY RIZN

Ephraim Auerbach

Permanent preservation of this book was made possible
by the Pearle W. & Martin M. Silverstein Foundation

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אויערבאך

דריי ריזן

אילוסטרירט
פון
עמאנועל ראָמאַנאָ

פארלאג קינדער־רינג
בא דעם אַרבעטער רינג
בילדונגס קאָמיטעט
ניו יאָרק, נ. י.

קינדער-רינג ביבליאָטעק

Copyright, 1937
by
FERLAG KINDER RING
of the
Educational Committee
of the Workmen's Circle

234

אויפן גרענעץ פון דער וועלט

אונדזער שטוב אין לעקסענדרען איז געשטאַנען בײַם ברייטן שליאַך, לעבן אַ הילצערן בריקל. אַז אַ פור איז אָנגעפאָרן, האָבן מיר געהערט ווי די ברעטער אויפן בריקל טרעשטשען און די רעדער סקריפּען און די פערדישע פיס טופען.

דער עלטערער ברודער, וואָווקע, האָט אונדז אַמאָל געזאָגט אַזוי שטיל, ווי מע דערציילט אַ סוד:

— איר ווייסט, מיר וואוינען אויפן גרענעץ פון דער וועלט...

וואָס אַזוינס ס׳איז די גרענעץ פון דער וועלט האָב איך נישט פאַרשטאַנען, און אודאי נישט שרעטעלע, וואָס איז אינגאַנצן אַלט געווען זיבן יאָר. אָבער וואָווקען האָבן מיר געגלייבט, וואָרעם ער איז דאָך דער עלטערער און האָט אויסגעטראַכט אַלע שפּילערייען. שפּעטער, ווען שרעטעלע האָט זיך געשפּילט מיט זיינע חברים, האָט ער זיך באַרימט:

— מיר וואוינען אויפן גרענעץ פון דער וועלט, און איר נישט... בע...

מורקע, אַ יינגל מיט רויטע האָר און אַ פאַרריסענער נאָז, האָט נישט געוואָלט ליידן וואָס שרעטעלע באַרימט זיך, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— די גרענעץ פון דער וועלט איז אויף יענער זייט סמבטיון און דו ביסט אַ ליגנער, אַ קוצעפּינדריק.

שרעטעלע איז אַהיימגעקומען מיט אַ צעדראָפּעט פּנים, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן גרויס ביי זיך וואָס

ער האָט דערלאַנגט מורקען אין דער נאָז אַריין. ביי-נאַכט, ווען מיר אַלע דריי, — וואָווקע, איך און שרעטע-לע, — זענען געלעגן אין ברייטן בעט און האָבן שוין געוואָלט אַנשלאָפן ווערן, האָט שרעטעלע פּלוצלונג זיך אָנגערופן:

— מורקע איז אַ רויטער גזלן, אָבער איך בין אַ ריז...

וואָווקע האָט שוין געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, נאָר ווען ער האָט געהערט וואָס שרעטעלע האָט גע-זאָגט, האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ-אויף, אָנגעכאַפּט שרעטעלען ביי די אַקסלען און אָנגעהויבן אים צו טרייסלען:

— האָסט שוין אויסגעפּלאַפּלט אַז דו ביסט אַ ריז?

שרעטעלע האָט געציטערט פון שרעק און איך אַליין האָב זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער קאָלדרע אַז מע זאָל מיך נישט אָנזען.

— ניין, נישט דערציילט, — האָט זיך שרעטעלע גע-בעטן, — נאָר דערלאַנגט אין דער גזלנישער נאָז זיי-נער...

וואָווקע איז געווען אַ שוואַרצער, אַ דאַרער, מיט צוויי הויכע ווינקלען אין שטערן, וואָס האָבן אויסגע-קוקט ווי הערנער, — משה רבינוס הערנער האָט מען זיי גערופן. און די אויגן זיינע, אַז זיי האָבן זיך אָנגע-צונדן, האָבן זיי אין דער פינצטערער נאַכט געברענט ווי האָלעוועשקעס. איצט האָט זיך מיר געדאַכט אַז דורך דער קאָלדרע ברענט ער מיך מיט זיינע אויגן.

— געדענק, שרעטעלע, — האָט ער אים פאַרזאָגט.

— טאָמער וועסטו אויספּלאַפּלען, וועל איך דיך מאַכן פאַר אויס ריז.

לאָ׳מיך אָפּ, — האָט שרעטעלע אומיסטן גערעדט מיט אַ פאַרשלאָפן קול, — אַז איך וויל גאָר שלאָפן.

קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן אַז מיר זענען ריזן. וואָווקע האָט אונדז פאַרזאָגט מיטן הארבן וואָרט אַז מיר זאָלן אפילו קיין פּיפּס נישט טאָן דערפון. נאָר מיר דריי, — וואָווקע, איך און שרעטעלע, — האָבן געוואוסט און דעם סוד האָבן מיר געדאַרפט האַלטן ביז ס׳וועט קומען דער טאָג און מיר וועלן זיך אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט.

פריער האָבן מיר גאָר אַליין נישט געוואוסט אַז מיר זענען ריזן. נאָר וואָווקע, וואָס איז געווען דער עלטערער, — ער איז שוין אַלט געווען צען יאָר, — האָט אונדז אַמאָל ביינאַכט דערציילט דעם סוד:

— מיר אַלע דריי זענען ריזן...

— און וואָס דאַרפן ריזן טאָן? — האָב איך געפרעגט.

— שאַ, רעד נישט אַזוי הויך, — האָט מיר וואָווקע אוועקגעלייגט אַ האַנט אויפן מויל, — קיינער טאָר נישט וויסן... אַפילו טאַטע-מאַמע אויך נישט...

אָבער מיר איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו וויסן וואָס ריזן דאַרפן טאָן, און איך האָב שוין נישט גערעדט אויפן קול, נאָר געמאַכט מיט די ליפּן:

— וואָס דאַרפן ריזן טאָן?

וואָווקע האָט זיך אָנגעהויבן ארומצוקוקן אויף אַלע זייטן, אָבער שרעטעלע האָט נישט געוואַרט און ביי אים אויסגעכאַפּט די ווערטער:

— ריזן דאַרפן מלחמה האַלטן מיטן שור-הבר.

— וואָס איז דער שור-הבר?

— דער שור-הבר איז אַן אָקס, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז ער פאַרנעמט אַ האַלבע וועלט. אַז ער גיט אַ שטויס מיט די הערנער, ציטערט די גאַנצע ערד, און די בערג אויך.

שרעטעלע ווייסט אַלצדינג. ווי קליין ער איז, שטופּט ער אומעטום די נאָז און צו אַלצדינג הערט ער זיך צו. נאָר מיר איז די גאַנצע זאַך נישט געפעלן: מילא, זיין א ריז אז קיינער זאָל דערפון נישט וויסן, אַרט מיך נישט, אָבער דער שור-הבר...

— פאַרוואָס דאַרפן מיר מלחמה האַלטן מיטן שור-הבר?

וואָווקע האָט אַ שטילן הוסט געטאָן און געוואָלט אָנהייבן צו רעדן, נאָר שרעטעלע האָט שוין גערעדט פאַר אים, און אָן אַ הוסט:

— ווייל דער שור-הבר האַלט דעם לויתן ביים עק און לאָזט אים נישט זיך אַ שאָקל טאָן... דער לויתן איז אַ פיש, וואָס ליגט אין ים פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער.

איך האָב זיך געגעבן אַ זעץ-אויף און אין דער פינצטער זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין שרעטעלען. אזא פּיצוויניק, אזא קוצעפינדריק, אזא איך בעט איבער אייער כבוד! מעשות דערציילט ער מיר! נאָר דאָס האַרץ האָט מיר געציטערט און איבערן גאַנצן לייב זענען מיר אומגעלאָפן נאָדלען. גלייך אין פנים האָב איך אים אריינגעשעפּטשעט:

— וואָס אַרט עס אונדז אַז דער לויתן שאָקלט זיך נישט?

נאָר שרעטעלע איז געווען קאַלט ווי אַ גזלן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו וואָווקען און גערעדט גאָר צו אים, ווי צו מיר וואָלט אים גאָר נישט אָנגעשטאַנען צו רעדן:

— אז דער לויתן גיט זיך נישט קיין שאָקל, קען ער נישט איבערקערן די וועלט...

א שוויים איז מיך באַפאַלן. איבערקערן די וועלט

— ווייל דער שור-הבר האַלט דעם לויתן באַם עק און לאָזט אים
נישט זיך אַ שאָקל טאָן

איז ביי אים גאָרנישט . . .

— איך וויל נישט איבערקערן די וועלט, — האָב איך כמעט ווי געוויינט, — מיר אליין וועלן זיך איבערקערן . . . טאַטע-מאַמע וועלן זיך איבערקערן . . .

דאָ האָט זיך שוין אריינגעמישט וואָווקע און מיט געציילטע ווערטער מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַז די וועלט וועט זיך איבערקערן, וועלן יידן פאַרוואָרפן ווערן קיין ארץ-ישראל.

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען און איך בין געווען שטאַרק אין כעס אויפן שור-הבר, וואָס ער האַלט-צו דעם לויתן ביים עק און לאָזט אים נישט זיך אַ שאָקל טאָן.

איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער וואָווקע איז שוין געלעגן מיט אַן אָפן מויל און האָט געמאַכט זזז . . . פיו . . . — אזוי איז ער געשלאָפן, — און שרעטעלע האָט זיך צונויפגעדרייט ווי אַ קעצל.

פון יענער נאַכט אָן זענען מיר געווען ריזן. קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט, נאָר מיר דריי האָבן באַהאַלטענערהייט זיך געגרייט צו דער מלחמה מיטן שור-הבר.

הינטער אונדזער שטוב איז געווען אַ פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן אזוי ווייט, אַז דעם ברעג האָט מען נישט געקענט זען. עטלעכע קאַרשנביימער זענען געוואַקסן לעבן הויף און אָנהייב זומער האָבן די רויטע קאַרשן געוויגט זיך צווישן די גרינע בלעטער און געוואונקען צו אונדז ווי אויגן.

ביי טאָג פלעגן מיר זיך אַוועקזעצן אונטער אַ בוים און וואָווקע האָט אונדז אריינגעשעפּטשעט אין די אויערן:

— אַז מיר וואוינען אויפֿן גרענעץ פֿון דער וועלט, וועלן מיר אַריבערגיין אויף יענער זייט גרעניץ און דאָרטן וועלן מיר כאַפּן דעם שור־הבר . . .

— אָבער מיר זענען דאָך קליינע קינדער, — האָב איך זיך געבעטן ביי וואָווקען.

— מיר פֿאַרשטעלן זיך נאָר פֿאַר קליינע קינדער, — האָט וואָווקע שטרענג געענטפֿערט, — אַז סע וועט קו־מען די צייט, וועלן מיר מיטאַמאָל געבן א וואַקס און מיר וועלן ווערן אמתע ריזן . . .

— האַלט ! ווייז נישט ! — האָט וואָווקע געשריגן, — עמעצער קען נאָך זען און דער שור־הבר וועט אונטער־שיקן זיינע פּיפּערנאָטערס צו דערשטיקן אונדז . . .

יאָ, דער שור־הבר האָט פּיפּערנאָטערס, וואָס פֿאָלגן וואָס ער הייסט זיי. זיי פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר וואָס איר ווילט נאָר, — פֿאַר קינדער, פֿאַר קעלבלעך, פֿאַר הע־נער, — און ווען דער שור־הבר וויל עפּעס אָפּטאָן, מאַכן זיי שוין פֿון יענעם דעם אמתן לייט.

אין איינעם אַזאַ טאָג בין איך געוואויר געוואָרן נאָך א סוד : פֿון יענער זייט וועלט דאַרף קומען א מאַן, וואָס וועט אונדז פֿירן גלייך צום שור־הבר.

— דער מאַן פֿאָרט ארום איבער דער גאנצער וועלט און זוכט די דריי ריזן. ער ווייסט נאָך נישט וואו מיר זענען, אָבער ער וועט אזוי לאַנג ארומפֿאָרן, ביז ער וועט אונדז געפֿינען, און דענסטמאָל . . .

אַזוי האָט וואָווקע דערציילט, און גאָר אינגיכן איז טאַקע דער מאַן געקומען.

אַ פרעמדער איז געקומען

וואָווקע האָט דער ערשטער דערזען דעם פרעמדן מאַן, וואָס איז געקומען פון יענער זייט בריקל. מיר אַלע דריי האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן און אין מיטן דערינען האָט וואָווקע אַ שפּרונג-געטאָן מיט אַ געשריי:

— ער גייט . . .

— ווער גייט? — האָב איך געפרעגט און געזוכט מיט די אויגן אויף אַלע זייטן.

— שאַ, שריי נישט אַזוי הויך, — האָט וואָווקע אויף מיר אָנגעשריגן און מיט דער האַנט האָט ער געוויזן צום שטויביקן וועג אויף יענער זייט בריקל.

פון וואַנעט האָט וואָווקע געוואוסט אַז ס'איז ער, ווייס איך נישט, אָבער אַז איך האָב זיך איינגעקוקט אין אים פונווייטנס, זענען מיר די פּיס מיט אַמאָל געוואָרן גרינג און דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן ווי דער אומרו פון אַ זייגער.

וואָרעם וויסן דאַרפט איר, אַז מיר האָבן געהאַלטן אין איין רעדן פון אים, מיר האָבן זיך געלייגט מיט אים און זענען אויפגעשטאַנען מיט אים. איך האָב זיך געוואָלט אויסמאָלן ווי ער וועט אויסזען, — ווי דער רב ר' מרדכי? אַ ייד מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ געקנייטשטן שטערן, אַ צעשפּרייטער באָרד? ניין, אַנדערש. ווי שימשל דער וואַסערטרעגער? אַ געבויגע-נער, — די שווערע קאַנען וואַסער וואַשען אים אַרונ-טער צו דער ערד, — מיט צעפּאַטלטע האָר, באָרוועסע פּיס און קאַלעמוטנע אויגן? ניין, אַנדערש. אין לעק-סענדרען איז נישט געווען קיין איין ייד, וואָס איך האָב

מיר האָבן געהאַלטן אין איין ריידן פון אים

זיך געקענט אויסמאָלן אַז דער פרעמדער זעט אויס ווי ער. אנדערש... אנדערש...

ווען וועט ער שוין קומען? — האָב איך טאָג-ווי-נאַכט געטראַכט, — ווען?

ער גייט...

אַז ער איז צוגעקומען צום בריקל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס האָט ער געקוקט צוריקוועגס. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ גלייכער. אַנדערש איז ער געווען. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קיילעכיק קאַפּעליושל, וואָס מיר האָבן נאָך אַזעלעכס נישט געזען. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן מיט ביבקעלעך און מיט דער לינקער האַנט האָט ער צוגעהאַלטן אַ זעקל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט ביי אים אויף די פּלייצעס.

— לאָמיר אים לויפן אַנטקעגן, — האָט שרעטעלע אריינגעשעפּטשעט וואָווקען אין אויער.

— ניין, מיר טאָרן נישט, — האָט וואָווקע גערעדט מער מיט די ליפּן ווי מיטן קול, — ער דאַרף אליין קומען און אליין אונדז דערקענען.

און מיר האָט זיך געדאַכט אז ער שטייט שוין אויפן בריקל אפשר אַ גאַנצן טאָג, אזוי לאַנג האָט זיך די צייט געצויגן פאר מיר. נאָר ער האָט זיך באַלד אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אונדז און איז אריבערגעגאַנגען דאָס בריקל.

— מאַכט זיך אז איר קוקט נישט אויף אים, — האָט וואָווקע באַפוילן.

ס׳איז גוט צו זאָגן נישט קוקן אויף אים, אַז די אויגן האָבן זיך פון זיך אַליין געווענדט צו אים. כ׳האָב זיך אָנגעטאָן אַ כח און זיך אָפּגעקערט אין אן אנדער זייט.

וואָוקע האָט אָנגעהויבן עפּעס צו גראָבן און שרעטע־לע האָט צוגעמאַכט די אויגן.

— שרעטעלע, דו קוקסט מיט איין אויג, — האָט וואָוקע אַ קניפּ געטאָן שרעטעלען אין פּוס, אַז ער איז אזש אונטערגעשפּרונגען פון ווייטיק.

— האַלעמאי גראָבסטו די ערד און האַלטסט גאָר דעם קאָפּ אויפגעהויבן? — האָט שרעטעלע געזאָגט און אַ זעץ געגעבן וואָוקען מיטן פוס אין שטערן.

שרעטעלע האָט פיינט געהאַט צו פאַרשווייגן. סע וואָלט זיך געענדיקט מיט א געשלעג, אָבער איידער וואָוקע האָט צעפּירט די הענט, איז שוין דער פרעמ־דער געשטאַנען לעבן אונדז, — ער איז ווי אויסגעוואַקסן איבער אונדז.

— קענט איר מיר אפשר זאָגן, קינדער, וואו ס׳איז דאָ אַן איינפאָר־הויז?

קיינמאָל האָב איך נאָך אזא קול נישט געהערט. ס׳איז ארויסגעקומען טיף־טיף פון אינעווייניק און גע־קלונגען האָט עס ווי ווען גרונם פירט מיטן גרויסן סמיק איבער די גראָבע סטרונעס פונעם באַס.

וואָוקע איז געבליבן מיט די הענט אין דער הייך, אזוי ווי ער האָט געוואָלט דערלאַנגען שרעטעלען, און די שוואַרצע אויגן זיינע האָבן ארומגעטאַנצט אויפן פרעמדן. ביי מיר האָט אָפּגענומען דאָס לשון און שרעטעלע האָט עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג, נאָר וואָוקע האָט זיך אָנגעטאָן א כח און ארויסגעריסן פון זיך א געשריי:

— ביי אונדז איז אַן איינפאָר־הויז.

דער פרעמדער האָט א שמייכל געטאָן און האָט וואָוקען געגעבן א גלעט אין באַק:

— אזעלכע קינדער האָב איך ליב, איר זענט גוטע

קינדער, מיר וועלן זיין גוטע פריינט. פירט מיך צו אייך אהיים...

שרעטעלע האָט זיך צוגעכאַפּט צו מיין אויער, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָפּבייסן, און האָט מיר אריינגעבלאָזן ווערטער, וואָס זענען געווען היים ווי פריסעק:

— הערסט? ער האָט אונדז ליב... מיר זענען גוטע קינדער...

ווייט האָבן מיר נישט געדאַרפט גיין, נאָר א הונדערט שפּאַן, נאָר געדאַכט האָט זיך אונדז אז מיר גייען און גייען. שרעטעלע האָט זיך צוגערוקט צום פרעמדן און האָט אים געפירט ביי אַ האַנט. וואָוקע איז געגאַנגען פון פאָרנט, ווי אַ גענעראַל. און איך בין נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט ציטערדיקע פיס.

אין שטוב האָט דער טאַטע געגעבן דעם פרעמדן שלום-עליכם און געפרעגט:

— פון וואַנעט קומט אַ ייד?

מיר דריי זענען געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און געוואַרט אויפן ענטפער.

— פון דער וועלט קומט אַ ייד...

פון דער וועלט? אָט דאָס איז ער. פון דער גאָרער וועלט קומט ער, ווייל ער זוכט אונדז, די דריי ריזן, וואָס דאַרפן מלחמה האַלטן מיטן שור-הבר. וואָוקע האָט מיר דערלאַנגט אזא קוק, אז ס׳איז מיר געוואָרן קאַלט און היים, און שרעטעלע האָט פלוצלונג אַ פייף געטאָן. דער פייף האָט נישט געטויגט, וואָרעם דער טאַטע האָט אָפּגעמאָסטן שרעטעלען מיט א פּאָר בייזע אויגן און האָט אים געהייסן ארויסגיין באַלד פון שטוב.

— איך האָב פיינט אז קינדער פייפן.

אָבער דער פרעמדער האָט זיך אריינגעמישט: ער האָט אַ קניפּ געטאָן שרעטעלען אין בעקל און געזאָגט,

ווי ער וואָלט געווען דער טאַטע, נישט דער טאַטע איז דער טאַטע:

— א וואויל קינד ... מאַלע וואָס א קינד גיט אמאָל א פּייף ...

שרעטעלע איז געבליבן און דער ייד האָט אַנידער־געלייגט דאָס זעקל אויפן דיל. ער האָט עס פּאַמעלעך אויפגעבונדן און האָט ארויסגענומען פון דאָרטן א היל־צערן קעסטעלע, א רויטס, מיט מענטשעלעך אויסגע־מאָלט אויפן דעקל.

מיר זענען געבליבן געפּלעפטע. שרעטעלע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אָנצורירן דאָס קעסטעלע, אָבער וואָוקע האָט אים באַצייטנס אָנגעכאַפּט און אַזוי א דריק געטאָן אים די האַנט, אז ביי שרעטעלען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. וואָוקע האָט אונדז געגעבן אַ וואונק און מיר זענען אַלע דריי ארויסגעגאַנגען אין דרויסן.

מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף דער פּריזבע און וואָוקע האָט אזש פאַרמאַכט די אויגן ווען ער האָט גערעדט:

— איר האָט געהערט? ער קומט פון דער וועלט. דאָס קעסטעלע האָט איר געזען? ס'איז נישט קיין פּשוט קעסטעלע ...

— וואָס האָט ער אין קעסטעלע? — האָב איך געפרעגט.

— ער האָט דאָרטן דעם שור־הבּרם הערנער, — האָט זיך שרעטעלע אָנגערופן.

— גיי־שוין־גיי, — האָט וואָוקע זיך אויסגעלאַכט, — דעם שור־הבּרם הערנער דאַרפן מיר ערשט אָפּברעכן. אויף דעם זענען מיר דאָך ריזן.

— אפשר טראַגט ער דאָרטן א שפּיז צו שטעכן דעם שור-הבר? — האָב איך אַריינגעוואָרפן אַ געדאַנק, כאַטש איך האָב אליין געוואוסט אז איך רעד נאַריש.

וואָוקע האָט מיך נאָר אָנגעקוקט, אָבער שרעטע-לע האָט זיך צעלאַכט פון מיר:

— טויזנט שפּיזן קענען דעם שור-הבר נישט נע-מען...

מיר האָבן זיך נישט געקענט צונויפרעדן וועגן קעס-טעלע, האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַז מיר וועלן וואַרטן און היטן ביז ער וועט עס עפענען. אָבער געעפנט האָט ער עס ערשט ביינאַכט, און וואָס מיר האָבן געזען, האָט קיין שום קינד נישט געזען.

קאָפּל עפנט דאָס קעסטעלע

דער פּאַרנאַכט האָט זיך יענעם טאָג געצויגן אַזוי לאַנג, אַז אונדז האָט זיך געדאַכט אַז ער וועט זיך גאָר קיינמאָל נישט ענדיקן. דער פרעמדער איז אַרומגעגאַנגען איבער אונדזער שטוב הין-און-צוריק און מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען מיט די אויגן.

— ווי הייסט אַ ייד? — האָט אים דער טאַטע געפרעגט.

— אַ ייד הייסט קאָפּל, — האָט ער געענטפערט און האָט זיך אפילו נישט אויסגעדרייט צום טאַטן, ווי סע פירט זיך אַז מע רעדט צו אַ מענטשן.

— מיט וואָס האַנדלט אַ ייד? — האָט דער טאַטע ווייטער נישט אָפּגעלאָזט.

— ממ... אַ ייד האַנדלט מיט גאָרנישט...

דער טאַטע האָט פאַרוואונדערט געהויבן די פּלייצעס און האָט צו זיך אַליין געבורטשעט: וואָס הייסט אַ ייד האַנדלט מיט גאָרנישט? צו-וואָס זשע קומט אַ ייד קיין לעקסענדרען? אָנקוקן אונדזער שטאָט? אַ סך איז דאָ וואָס צו קוקן אויף די איינגעפאַלענע שטיבלעך, די שטרויענע דעכלעך און די פריזבעס מיט די ציגן...

נאָר קאָפּל האָט אים שוין נישט געהערט: ער האָט אַרומגעשפּאַנט און איז געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען. דעם טאַטן איז איינגעפאַלן אַז אפשר קומט דער ייד פון ירושלים.

— אַז איר קומט יאָ פון ווייטע לענדער, אפשר נאָך פון ירושלים, האָט איר אפשר געהערט פון גוטס אויף

יידן? — האָט דער טאַטע געזאָגט און איז שוין געווען אביסל אין כעס.

דאָ האָט זיך קאָפּל מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, ווי אַ פערד אז מע האַלט עס איין אינמיטן לויפן, און האָט א קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט אזוי פיל צער אין די אויגן, אָבער געררעדט האָט ער בייז:

— נישטאָ קיין גוטס אויף יידן, און לאָזט מיך אָפּ... יידן דאַרפן זיך אַליין נעמען גוטס . . . אודאי וועט מען זיי נישט אונטערטראָגן קיין גוטס אין גילדענע טעלער . . .

וואָוקע האָט מיר אריינגערוימט א סוד: הערסט, אידן דארפן זיך אליין נעמען גוטס . . . אודאי האָב איך געהערט, וואָרעןֹ? איך האָב נישט געהערט? און האָט מיר דאָס האַרץ דען נישט געציטערט? און שרע-טעלע האָט אויך געהערט, נאָר ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן די אויגן אויפן קעסטעלע, וואָס איז געשטאַ-נען אויף דער קאָמאָד אויבנאָן אין שטוב.

מע האָט געדאַרפט זיין פון אייזן אויסצוהאַלטן. אפילו דער טאַטע האָט אַלעמאָל געכאַפּט א קוק אויפן קעסטעלע, נאָר ער האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט ווי ער זעט גאָרנישט. און דער ייד אַליין, קאָפּל, כאָטש ער האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געקוקט צו דער קאָמאָד, האָט ער דאָך געכאַפּט שרעטעלען ביי דער האַנט, ווען ער האָט הינטערוויילעכס א טאַפּ געטאָן דאָס קעסטעלע.

— אַ יינגעלע, — האָט ער געזאָגט, — טאָר נישט וועלן אלצדינג אָנטאַפּן . . .

וואָוקע האָט ארויסגעשלעפּט שרעטעלען אין דרויסן און איך בין נאָכגעלאָפן. ער האָט אים דער-

לאַנגט אַ קניפּ אין דער לינקער פּאַלקע און צווישן די ציין אַרויסגעזאָגט:

— אויב דו וועסט ווייטער שטופּן די הענט וואו מע דאַרף נישט, וועסטו ביי מיר ווערן אויס ריז. דו הערסט?

נאָר שרעטעלע לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע. ער האָט אַריינגערוקט וואָווקען אַ פויסטל אין פּנים אַריין און געשריגן:

— איך בין אַ גרעסערער ריז פון אייך ביידע... איכ'ל אייך אַוועקבלאָזן מיט מיינע נאָזלעכער, וועט איר פאַרפליען וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

— מאַך אים נישט פאַר אויס ריז, — האָב איך זיך אַריינגעלייגט אין שלום, — מיר דאַרפן דאָך האָבן דריי ריזן צו פירן מלחמה מיטן שור-הבר...

וואָווקע האָט דערלאַנגט שרעטעלען דאָס מינד-סטע פינגערל פון דער רעכטער האַנט, אַ סימן אַז ער בעט זיך איבער מיט אים, און ביידע האָבן געזאָגט: עטעך, בעטעך, ציבעלע, רעטעך, — מע איז שוין ווי-דער גוטע פריינט.

דערווייל איז געוואָרן פינצטער. פון אונדזער שטוב האָט שוין אַרויסגעלויכטן דאָס קליינע פייערל פונעם אַכטער-לעמפּל, און וואָווקע האָט געזאָגט אַז מיר טאָרן איצט נישט זיין אין דרויסן, מיר מוזן היטן דעם פרעמדן, טאָמער וועט ער נאָך עפּענען דאָס קעסטעלע אָן אונדז. שיין וועלן מיר אויסזען אז מיר וועלן דערביי נישט זיין.

אין שטוב האָבן מיר געטראָפן דעם טאַטן זיצן אויבנאָן ביים טיש און דעם פרעמדן אַרומשפּאַנען. דער טאַטע האָט אונטערגעזונגען און געוואָרפן אַלעמאָל אַ קוק אויפן יידן, אויפן קעסטעלע און ווידער אויפן

יידן. זיי האָבן גאַרנישט גערעדט צווישן זיך, נאָר סע האָט זיך מיר געדאַכט אַז זיי היטן איינער דעם אנדערן.

אַך, די נאַכט איז געווען נאָך לענגער פונעם פאַר-נאַכט. מיר אַלע דריי זענען געזעסן אויף דער ערד און האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום אנדערן. וואָווקע האָט שטילערהייט געזאָגט: ער וועט עפענען דאָס קעסטעלע ביינאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן.

הייסט עס, אַז מיר טאָרן א גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן, קיין אויג נישט צומאַכן, וואָרעם מיר דאַרפן אים היטן צו דערכאַפּן די מינוט.

דער טאַטע האָט אַ קרעכץ געטאָן, — אַלעמאָל קרעכצט ער פאַרן שלאָף, — און געזאָגט:

— מניע... מ'עט דאַרפן גיין שלאָפן...

די מאַמע, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אין קיך, איז אריינגעקומען און האָט אָנגעשריגן אויף אונדז:

— וואָס זיצט איר אויף דרערד און סודעט זיך?

זי האָט אָנגעוויזן דעם פרעמדן אַז ער וועט שלאָפן אויפן טאַפּטשאַן אין דער גרויסער שטוב. א מלכותדיק געלעגער וועט ער האָבן, האָט זי געזאָגט, האַלעוואַי אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן. און דער טאַ-טע, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, האָט ער אַ וואָרט טאָן פון דער זייט קאַפּלען:

— לייגט זיך, ר' קאַפּל, וויפל איז דער שיר זיך ארומ-צודרייען?

מיר דריי זענען געשלאָפן אינעם ברייטן בעט וואָס איז געשטאַנען אין אַלקערל לעבן דער גרויסער שטוב. אַז די מאַמע איז אַמאָל געווען גוט אין כעס אויף אונדז, האָט זי אונדז געשטופּט אין אַלקערל אַריין:

— גייט שוין אין אייער באַגרעבעניש...

ווי געקוילעטע גענדז האָבן מיר זיך איצט אריינ-

פון מויל איז אים געגאַנגען אַ רויך און דאָס פייער האָט ער
איינגעשלונגען

געשלעפּט אין אַלקערל. אויסגעטאָן האָבן מיר זיך ווי די הענט וואָלטן אונדז געווען געליימטע, און אַז מיר זע־נען שוין געלעגן אין בעט, האָבן מיר מורא געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט.

וואָווקע האָט נאָר געבורטשעט:

— איצט שלאָפט איר ביידע און איך וועל האַלטן אָפן די אויגן. שפּעטער וועל איך אויפוועקן דיך, בערל...

וואָס? איר ווייסט נאָך נישט אַז איך הייס בערל? די קינדער האָבן מיך גערופן: בערל־קערל, ליפּן ווי אַ שערל...

וויפל מיר זענען געלעגן און נישט געשלאָפן, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר אַז איך מיט וואָווקען האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זענען אַנשלאָפן געוואָרן און פּלוצלונג האָבן מיר דערפילט ווי שרעטעלע טרייסלט אונדז און ווערטער פאַלן אונדז אין די פּנימער, ווי קאַל־טע האָגלען אין אַ הייסן טאָג:

— שטייט־אויף! ער עפנט דאָס קעסטעלע...

מיר האָבן זיך אויפגעזעצט ווי מע וואָלט אונדז אונטערגעלייגט פייער און באַלד זענען מיר אַרונטער־געשפּרונגען פון בעט. די טיר האָבן מיר נאָך פריער געלאָזט אביסל אָפן און איצט זענען מיר אַלע דריי, — וואָווקע דער ערשטער, שרעטעלע נאָך אים און איך דער לעצטער, — צוגעגאַנגען אויף די שפּיצפינגער צו דער טיר.

דאָס לעמפּל אין שטוב האָט געברענט און קאָפּל איז געשטאַנען לעבן דער קאָמאָד, דאָס קעסטעלע האָט ער פּאַמעלעך געעפנט און האָט פון דאָרטן אָנגעהויבן אַרויסצונעמען אזעלכע זאַכן, וואָס מיר האָבן נאָך קיין מאָל אַזוינס נישט געזען.

צווערשט האָט ער אַרויסגענומען אַ שטעקעלע, אַ שוואַרצס, מיט אַ העלפאַנטביינענעם קעפּל, און האָט עס אַזוי געהאַלטן, ווי אַ מאַמע האַלט אַ קינד וואָס לערנט זיך גיין. פּלוצלינג האָט דאָס שטעקעלע אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט עפּעס געפרעגט און דאָס שטעקעלע האָט געענטפערט. ער האָט געפרעגט מיט אַ גראָב קול און דאָס שטעקעלע האָט געענטפערט מיט אַ דין קעלעכל, ווי סע וואָלט נאָך געווען אַ קינד אַ שטעקעלע.

דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס שטעקעלע און האָט אַרויסגענומען אַ רויט שמאַטקעלע און אַ פּודעלע שוועבעלעך. דאָס שמאַטקעלע האָט ער אָנגעצונדן און אַריינגעלייגט, אַזוי ווי סע האָט געברענט, אין מויל אַריין. פון מויל איז אים געגאַנגען אַ רויך און דאָס פייער האָט ער איינגעשלונגען. דערביי האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי איינער זאָגט: נאָט, זעט, דאָס פייער האָב איך אויפגעגעסן . . .

און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פייער, האָט ער אַרויסגענומען פונעם קעסטעלע אַ פּאַפּירענע סטענגע וואָס איז געווען רויט-געל-שוואַרץ-גרין. ער האָט די סטענגע געהאַלטן אין דער האַנט, געקוקט אויף איר, נאָר באַלד איז זי פאַרשוואונדן און . . . ער האָט אָנגעהויבן צו ציען סטענגעס פונעם מויל. סטענגעס . . .

וואָס ווייטער איז געווען, ווייס איך נישט, ווייל איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און בין געפאַלן חלשות.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, זענען טאַטע-מאַמע געשטאַנען לעבן מיר און מיר געריבן מיט עסיק דעם שטערן. וואָוקע און שרעטעלע האָבן אַרומגעטאַנצט

בלייכע, מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן, און דער פרעמדער איז אויך געווען לעבן מיר . . .

אז איך האָב אים דערזען, האָב איך ווידער געוואָלט שרייען, נאָר וואָווקע האָט צו מיר געוואונקען מיט די אויגן און איך האָב פאַרשטאַנען אז איך דאַרף שווייגן. און קאַפּל איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער מיר און געקוקט אויף מיר מיט אזעלכע גוטע אויגן, אז איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט צו דערציילן אויף אים . . .

מיר ווערן אָנגעצונדן

די נאַכט זענען מיר שוין כמעט נישט געשלאָפן, ווייל איידער טאַטע-מאַמע האָבן מיך איינגעשטילט און איידער דער ייד קאָפּל האָט מיך גוט אָנגעגלעט, האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, — די זומערדיקע נעכט ביי אונדז זענען קיי-און שפּיי, דרייסט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט און סע איז שוין טאָג.

וואָווקע און שרעטעלע זענען באַלד אַרויסגע-שפּרונגען פון בעט און איך, נאָך אַלץ אַ צעשראָקע-נער, בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט ווי אויף די שויבן צעשפּילט זיך דער טאָג מיט טייכלעך גאָלד. וואָווקע האָט קיין צייט נישט געהאַט: קאָפּל ווייזט אַזעלכע וואונדער, אַז אַ שטעקעלע רעדט ביי אים און סטענגעס ציען זיך ביי אים פונעם מויל אָן אַ סוף, איז דאָך שוין קלאָר אַז ער איז דער מאַן וואָס זוכט די דריי ריזן.

נאָר שרעטעלע איז געווען אַ שלעכט קינד: ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן בעט און זיך גערייצט מיט מיר:

— דו ביסט נישט קיין ריז, וואָרעם אַ ריז חלשט נישט . . .

פון וואַנעט ווייסט שרעטעלע אַז אַ ריז חלשט נישט? האַלעמאַי האָב איך געהערט אַז אַ ריז ניסט און סע בייסט אים אין די פּיאַטעס.

אַ גליק וואָס וואָווקע האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר און דערלאַנגט שרעטעלען אַ שנעל אין דער נאָז, אַז דאָס שפּיץ נעזל האָט זיך אים אָנגעצונדן.

— ער איז אַ ריז, — האָט וואָווקע געזאָגט, — און ביי מיר וועט ער זיין דער ערשטער וואָס וועט אָנכאַפּן דעם שור-הבר ביי די הערנער.

פאַר וואָס דאַרף איך עפּעס זיין דער ערשטער אָנ-צוכאַפּן דעם שור הבר ביי די הערנער? סע וואָלט מיך נישט געאַרט אַז וואָווקע אַליין זאָל זיין דער ער-שטער. אָבער וואָווקען האָב איך פּאַרט ליב געהאַט דערפאַר, איך האָב אים אַזש געוואָלט קושן, נאָר איך האָב אַ קוק געטאָן אויף שרעטעלעס פּנים און די שדימלעך אין זיינע אויגן, האָט זיך מיר אָפּגעגלוסט.

דערפאַר אָבער בין איך באַלד אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און זאָל שרעטעלע זען אַז איך בין שטאַר-קער פון אים. וואָווקע האָט געזאָגט אַז מיר דאַרפן היינט רעדן מיטן פרעמדן און מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז ווען דער טאַטע וועט אוועקגיין אין מאַרק אַריין און די מאַמע וועט מעלקן די קי, וועלן מיר רעדן מיט קאָפּלען.

קאָפּל האָט זיך עפּעס געסודעט מיטן טאַטן, דער-נאָך איז ער ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און איידער ער איז צוריקגעקומען, האָבן מיר דערווייל געברענט ווי אויף הייסע קוילן.

דאָס קעסטעלע איז שוין נישט געשטאַנען אויף דער קאָמאָד און מיר האָבן מורא געהאַט אַז קאָפּל איז אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען פון לעקסענדרען. שרעטע-לע האָט אפילו געזאָגט אַז ער איז אַוועקגעפלויגן. ווי האָט ער געקענט אַוועקפליען? האָב איך געפרעגט. אָבער שרעטעלע האָט געהאַט אַ פאַרטיקן ענטפער:

— אַ מלאכה ביי אים? ער הייבט זיך אויף אין דער הייך, מאַכט זיך אַז קיינער זאָל אים נישט זען, און שוין — ער איז נישטאָ...

— פאַר וואָס זאָל ער אַוועקפליען? — האָב איך גע-פרעגט, — מיר זענען דאָך די ריזן.

— דערפאַר וואָס ער האָט געזען אַז דו ביסט נישט קיין ריז, — האָט שרעטעלע זיך ווידער געריצט מיט מיר און האָט זיך ווידער באַצייטנס אָפּגעטראָגן, וואָרעם ער האָט נאָך גוט געדענקט דעם טעם פונעם שנעל אין דער נאָז, וואָס וואָוקע האָט אים געגעבן פאַרטאָג.

נאָר קאָפּל איז צוריקגעקומען און מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. אין שטוב איז קיינער נישט גע-ווען. איצט איז די צייט צו רעדן מיט אים. ער האָט אָבער נישט געוואַרט אַז מיר זאָלן מיט אים אָנהייבן צו רעדן. ער אַליין האָט אונדז צוגערופן און געהייסן זיך אַרומזעצן אַרום אים. מיך האָט ער גענומען אויף די הענט און געקניפּט די באַקן מיט אַזעלכע וואַ-רעמע פינגער, אַז די גאַנצע מורא פאַר אים האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן. איך האָב אים ליב געהאַט, שטאַרק ליב געהאַט.

— איר ווילט דאָך אודאי וויסן, קינדער, ווער איך בין? — האָט ער אָנגעהויבן, — וועל איך אייך דער-ציילן. איך בין אַ קונצנמאַכער, איר וועט ערשט זען מיינע קונצן.

— אָבער מיר זענען ריזן, — האָט שרעטעלע זיך אָנגערופן.

וואָוקען איז עס נישט געפעלן און ער האָט אַ קוק געטאָן בייז אויף שרעטעלען. איך, ווידער, האָב גע-קוקט קאָפּלען אין די אויגן און סע האָט זיך מיר גע-דאַכט אַז אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיי. נאָר קאָפּל האָט זיך צעשמייכלט:

— צו-וואָס דאַרפט איר זיין ריזן?

ווידער האָט שרעטעלע אויסגעכאַפּט די רייד:

— מיר זענען ריזן, ווייל מיר דארפן מלחמה האלטן מיטן שור-הבר.

— גוט, — האט קאפל א פאטש געטאן מיט די הענט, — איך וויל אויך מלחמה האלטן מיטן שור-הבר, אבער איך בין נישט קיין ריז, נאר א פשוטער קונצנ-מאכער.

וואווקע האט מיך א טארע געטאן און מיט די אויגן האט ער ווי גערעדט צו מיר: דו הערסט? ער וויל אויך מלחמה האלטן מיטן שור-הבר. וואס האב איך דיר געזאגט?...

שרעטעלע איז אויפגעשפרונגען פונעם ארט און האט אנגעהויבן צו ווארפן מיט די הענט, ווי ער וואלט זיך מיט עמעצן געשלאגן. האט אים וואווקע אנגע-כאפט ביי די פיס און א שלעפ געטאן אזוי שטארק, אז ער האט זיך געגעבן א טרעבענעץ און האט זיך אויס-געצויגן אויף דער ערד. קאפל האט זיך צעלאכט און האט אויפגעהויבן שרעטעלען:

— נו, ריז מיינער, זיך גוט צעהארגעט?

און צו וואווקען האט ער געזאגט:

— פארוואס שלאגסטו דיין אייגענעם ברודער?

— איך שלאג אים נישט, — האט זיך וואווקע פאר-ענטפערט, — נאר ער באלעמעטשעט...

— ווארפן מיט די הענט הייסט ביי דיר באלע-מעטשעט? — האט קאפל געלאכט מיט א ברוסטיקן כא-כא, וואס האט, דאכט זיך, צעשפארט די ווענט פון אונדזער קליינעם שטיבל.

איז שוין וואווקע ארויס מיט לשון: מיר זענען דריי ריזן, קיינער טאר דערפון נישט וויסן, אנישט וועט זיך פון אונדז אפטאן דער כח. אבער שרעטעלע באלע-מעטשעט...

— אודאי זענט איר ריזן, — האָט קאָפּל איינגע־שטילט וואָווקען, — אָבער אז איר וועט זיך שלאָגן צווישן זיך אליין, וועט איר דערנאָך נישט האָבן קיין כח צו שלאָגן זיך מיטן שור־הבר. דערפאַר דאַרפט איר לעבן גוט צווישן זיך, ווי אמתע ריזן.

אַ טייערער מענטש דער קאָפּל. מיר איז אויך נישט געפעלן וואָס וואָווקע שנעלט שרעטעלען, וואָרפט אים אום, כאַטש אויף שרעטעלען בין איך געווען אין כעס.

דערנאָך זענען מיר שוין געזעסן ארום קאָפּלען אויף דער ערד און האָבן גערעדט אזוי שטיל, אז מיר אליין האָבן קוים געהערט וואָס מיר זאָגן. קאָפּל איז געוואָרן אן אייגענער מענטש אונדזערער און מיר האָט זיך גע־דאַכט, אז די באָרד האָט ער זיך גאָר צוגעקלעפּט: אין אמתן איז ער א קינד אזוי ווי מיר, נאָר פאר דער וועלט האָט ער זיך אָנגעטאָן א באָרד...

סע איז ביי אונדז געבליבן, אַז נאָך דעם ווי קאָפּל וועט ווייזן קונצן אין לעקסענדרען, וועלן מיר גיין זוכן דעם שור־הבר. פאַרשטייט זיך אַז איצט האָבן מיר אָפּגערעדט מיטן האַרבן וואָרט, אז קיינער טאָר דער־פון נישט וויסן. שרעטעלע האָט זיך פאַרבונדן די צונג מיט אַ פאָדעם און געוויזן: אַזוי וועט ער האַלטן די צונג.

ביי טאָג איז קאָפּל ארומגעגאנגען איבערן שטעטל און האָט אויסגעשריגן אַז היינט אויפדערנאַכט וועט ער אין שטאַל ביי שמואל דעם לאנגן ווייזן אזעלכע קונצן, וואָס קיינער האָט נאָך אזוינס נישט געזען. הויך האָט קאָפּל געשריגן, דאָס קול זיינס האָט, דאַכט זיך, געוויינט. פון אַלע פענצטערלעך האָבן אַרויסגע־שטעקט קעפּ, אויגן האָבן אים נאָכגעקוקט,

מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען. אַז אַנדערע קינדער האָבן זיך געוואָלט צושאַרן נאָענט, האָט וואָוקע נישט געלאָזט: סע איז אונדזער קאָפּל, אונדזערע קונצן, און קיינער טאָר זיך נישט מישן צו אים. נאָר מיר האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ. איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר דאָס פּנים האָט מיר געברענט פון חרפּה וואָס אַזאַ הויכער ייִד, — אונדזער קאָפּל, — דאַרף אַרומגיין איבער לעקסענדרען און שרייען מיט אַ וויינענדיק קול. הייַנט איז ער דאָך דער פּרעמדער, וואָס דאַרף אונדז פירן צום שור-הבר... און דאָס קול זיינס ברעכט זיך...

אויפדערנאַכט, ווי סע איז נאָר פינצטער געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן צו קומען מענטשן פון אַלע זייטן צו שמואל דעם לאַנגס שטאַל. אַ הילצערנע איז די שטאַל געווען, געדעקט מיט שטרוי, און גאָר אין דער הייך, ביים סאַמע דאַך, איז געווען אַ פענצטערל.

קינדער זענען געקומען, טאַטעס און מאַמעס זענען געקומען, אַלע האָבן געדאַרפט באַצאָלן פאַר אַריינגיין אין שטאַל, נאָר אונדז, — וואָוקען, שרעטעלען און מיך, — האָט קאָפּל אַריינגעלאָזט אומזיסט. ער האָט אונדז געהאַלטן לעבן זיך און אַלע קינדער האָבן אונדז שטאַרק מקנא געווען, זיי זענען שיר צעזעצט געוואָרן.

קאָפּ-אויף-קאָפּ איז מען געשטאַנען און קאָפּל איז געשטאַנען אויף אַ קאַסטן און האָט געוויזן ווי ער ציט די סטענגעס, ווי דאָס שטעקעלע רעדט, און נאָך אַ סך קונצן האָט ער געוויזן. איין קונץ איז געווען ווי פון זיין קאַפּעליוש איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הון. איז טאַקע די הון אַרויסגעשפּרונגען, נאָר זי האָט מיט די פליגלען איבערגעקערט דאָס לעמפּל וואָס איז געשטאַנען אויפן קאַסטן.

סע איז מיט אַמאָל געוואָרן פינצטער, דער קעראָסין האָט זיך צעגאָסן אויפן קאַסטן און באַלד האָט אַלצדינג אָנגעהויבן צו ברענען. סע איז געוואָרן אַ געשריי אין שטאַל, קינדער האָבן געוויינט, מאַמעס האָבן זיך גע־ריסן די האָר און דאָס פייער האָט געוואָרפן פון אָנ־הייב קליינע צינגלעך און דערנאָך אַלץ גרעסערע און גרעסערע צונגען.

— יידן, מיר ברענען! זעליקל, וואו ביסטו? מאַ־מע, די פיס סמאַליען זיך...

געשרייען, געוויינען, געפּילדער. איינער איז גע־שפּרונגען איבערן אנדערן, מען האָט זיך געטראָטן מיט די פיס. אויף מיר אַליין איז ארויפגעקראָכן אַ גרוי־סער מאַן און האָט מיך שיר נישט דערשטיקט.

א גליק וואָס די שטאַל האָט געהאַט צוויי ברייטע טירן און אלע מענטשן האָבן זיך ארויסגעריסן. דאָס פייער האָט געטרעשטשעט, די גאנצע שטאַל האָט גע־ברענט און מיר זענען געשטאַנען אין דרויסן און האָבן נישט געוואוסט וואו קאָפּל איז אהינגעקומען. מענטשן האָבן אים געזוכט, געוואָלט צערייסן אויף שטיקער, אָבער ער איז נישט געווען.

אונדזער ערשטע מלחמה

די זומער-נאַכט איז א קורצע, און אײדער שמואל דעם לאַנגס שטאַל האָט נאָך אָפּגעברענט, האָט שױן אָנגעהױבן צו טאָגן. ביסלעכװײז איז מען זיך צעגאַנגען איבער די שטיבער, נאָר שמואל דער לאַנגער האָט נאָך געװאָרפן די לאַנגע הענט זײנע און געשריגן: װײ איז מיר, א קונצנמאַכער האָט זיך מיר פאַרגלוסט . . .

מיר זענען געגאַנגען אהײם און װאָװקע האָט גע-זאָגט, אז קאָפּל האָט זיך אױפגעהױבן אין הימל ארײן. װאו-דען איז ער אהינגעקומען? װי-נאָר דאָס לעמפּל האָט זיך איבערגעקערט און דאָס שטרױ האָט זיך אָנ-געכאַפּט, איז ער דורכן דאַך ארױסגעפלױגן גלײך אין הימל ארײן.

— װעט ער צוריקקומען צו אונדז? — האָב איך געפרעגט.

—אודאי װעט ער קומען, — האָט שרעטעלע מיר ארײנגעזאָגט גלײך אין פּנים ארײן.

װי מיר זענען אזױ צוגעקומען נאָענט צו אונדזער שטוב, האָבן מיר פּלוצלונג דערזען װי פון אונטערן בריקל הײבט זיך אױף א מענטש. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, אפילו װאָװקע האָט א ציטער געטאָן, נאָר שרעטעלע האָט גאָר קײן מורא נישט געהאט. ער האָט אונדז אײנגערױמט א סוד: דאָס איז ער, פונעם הימל האָט ער זיך ארונטערגעלאָזט אונטערן בריקל.

דער מענטש פונעם אונטערן בריקל איז געװאָרן העכער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער װאַקסט אױס העכער פון אלע דעכער, און ער האָט גענומען שפּא-

נען צו אונדז. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען שוין געווען אין שטוב און מיר זענען געבליבן אין דרויסן. יאָ, סע איז געווען קאַפּל. דאָס קעסטעלע האָט ער אפילו גענהאַט מיט זיך.

שרעטעלע איז אים געלאָפן אנטקעגן און קאַפּל האָט אים אריינגעכאַפּט אין די אָרעמס און אָנגעהויבן קושן. אז מיר זענען צוגעקומען, האָבן מיר געזען ווי קאַפּל וויינט.

— נישטאָ קיין מזל, קינדער, — האָט ער געזאָגט און זיך געווישט די אויגן.

איך האָב זיך אויך געוואָלט צעוויינען, נאָר קאַפּל האָט באַלד אָנגעהויבן שמייכלען און געזאָגט, אז ער גייט אוועק פון דאַנען און דאָרטן, אין דער אנדער שטאָט, וועט ער ערשט ווייזן וואָס ער קען. וואָווקע האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— אָבער וואָס וועט זיין מיטן שור הבר?

— הערט, — האָט קאַפּל זיך אָנגערופן,— ביים גרויסן קאַרשנבוים ליגט באַהאַלטן אין דער ערד אן אוצר, גראָבט אים אויס, וועט איר דאָרטן געפינען א פּאַפּירל, וואו סע איז אָנגעשריבן אלצדינג וועגן שור הבר און ווי מלחמה צו האַלטן מיט אים.

ער האָט זיך באַלד אָפּגעקערט פון אונדז און האָט אוועקגעשפּאַנט אין דעם האַלב-ליכטיקן פאַרטאָג. מיר האָבן אים נאָכגעקוקט און זענען שטיל אריין אין שטוב.

ווען זאָלן מיר אויסגראָבן דעם אוצר? וואָווקע האָט געזאָגט, אַז ביי טאָג איז די בעסטע צייט. אָבער מע קען נאָך אָנקומען און דער אוצר וועט פאַרשווינדן, האָט שרעטעלע געזאָגט. ניין, סע איז בעסער פאַרנאַכט, ווייל אן אוצר האָט ליב מע זאָל אים אויסגראָבן צווישן

טאָג-און-נאַכט. איז געבליבן, אז מיר וועלן פאַרנאַכט זיך נעמען צום גראָבן.

א גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך ארומגעדרייט ווי נישט אויף דער וועלט און די מאַמע האָט אלץ געשריגן: וואָס בלאָנקעט איר זיך ארום ווי דאַרשטיקע לעמער? גיי דערצייל איר, אז מיר קוקן זיך אוים די אויגן אויף פאַר-נאַכט. מיר האָבן באַהאַלטן אונטערן בוים א גראָב-אייזן מיט אַ לאָפּעטע און אַז די זון האָט זיך געזעצט, האָבן מיר זיך איינציקווייז געלאָזט צום בוים. פריער איז געגאַנגען וואָווקע, אין א מינוט ארום האָט זיך צו-געשלעפּט שרעטעלע און דער לעצטער בין איך גע-ווען.

שאַ, קיינער איז נישטאָ, סע איז די ריכטיקע צייט אויסצוגראָבן אן אוצר. וואָווקע האָט אריינגעשטעקט דעם גראָב-אייזן אין דער ערד. שרעטעלע האָט געאַר-בעט מיט דער לאָפּעטע און איך האָב געשאַרט די ערד מיט דער האַנט. מיר האָבן געשוויגן, ווייל אז מע גראָבט אן אוצר, טאָר מען נישט ארויסרעדן קיין וואָרט.

נאָר פּלוצלונג, — פון וואַנעט האָט ער זיך גענומען? ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן מורקע, — דאָס יינגל מיט די רויטע האָר, וואָס איז געווען אונדזער שונא און מיר האָבן זיך אלעמאָל געקריגט מיט אים. מורקע האָט אָנגעכאַפּט וואָווקען ביי דער האַנט און האָט אויסגעשריגן: א-א, איך האָב אייך געפּאַקט ...

שרעטעלע האָט אויפגעהויבן די לאָפּעטע און גע-וואָלט אים דערלאַנגען, אָבער מורקע האָט געבראַכט מיט זיך נאָך דריי יינגלעך און אַלע האָבן זיי זיך גע-וואָרפן אויף אונדז מיט די קולאַקעס. סע איז געווען אן אמת געשלעג און מיר האָבן געמוזט צוריקטרעטן, ווייל מורקעס חברה איז געווען שטאַרקער פון אונדז.

אז מיר זענען צעשלאָגענע דערלאָפן צו דער שטוב, האָט וואָווקע געזאָגט:

— מיר וועלן פאַרפירן א מלחמה מיט מורקען, דער שור הבר האָט אים אונטערגעשיקט צו הרגענען אונדז.

און דאָס גרויסע געשלעג מיט מורקעס חברה איז טאַקע געקומען.

וואָס האָט מורקען געאַרט אז מיר זוכן דעם אוצר? ס'האָט אים טאַקע נישט געאַרט דער אוצר, נאָר ער איז געווען א רויטער, מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, און שטענדיק האָט ער זיך געשלאָגן. וואָס עפּעס, איז ער פאַרפאָרן מיט די הענט וואו ער האָט געטראָפן.

נאָך דעם געשלעג, אז מיר זענען אַנטלאָפן, האָבן מיר אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז איידער מיר וועלן ווידער זוכן דעם אוצר, וועלן מיר דאַרפן אָנלערנען מורקען מיט זיין חברה. שרעטעלע, וואָס איז געווען מורקעס גרעסטער שונא, האָט געוואָלט מיר זאָלן זיך ביינאַכט פאַרגנבענען צו מורקעס שטוב, אָפּוואַרטן אים ווען ער גייט אַרויס און אָנברעכן די ביינער. וואָווקע אָבער האָט געזאָגט, אַז דאָס טויג נישט, וואָרעם מורקע טראָגט שטענדיק מיט זיך אַ קליין מעסערל, קען ער אונדז נאָך שטעכן. איז מיר איינגעפאַלן, אז מיר זאָלן טאַקע וואַרטן אויף מורקען ביינאַכט, אָבער מיר זאָלן אַרויפוואַרפן א זאַק אויף אים און פאַרשלעפּן ווייט פון יענער זייט בריקל.

וואָווקען איז עס שטאַרק געפעלן און אזוי איז טאַקע געבליבן. מיר האָבן נאָר געדאַרפט וואַרטן אויף אַ פינצטערער נאַכט, כדי מורקע זאָל אונדז נישט דערקענען.

ס'איז געווען סוף-חודש, ווען די לבנה גייט אויף שפּעט ביינאַכט. מיר האָבן פון בייטאָג נאָך באַהאַלטן

אַ גרויסן זאַק און, אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, זענען מיר איינציקווייז ארויסגעגאַנגען פון שטוב. וואוהין גייען די קינדער אזוי שפּעט? האָט די מאַמע געוואָלט וויסן. אָבער מיר האָבן געזאָגט א תירוץ, אז מיר דאַרפן זיין אין שול און די מאַמע האָט ווייטער נישט געפרעגט. אָפּגערעדט האָבן מיר זיך, אז מורקען זאָלן מיר באַפאַלן פון הינטן, און צווישן זיך זאָלן מיר קיין וואָרט נישט ארויסרעדן, כדי דער רויטער גזלן זאָל אונדז נישט דער-קענען נאָך די קולות.

שטיל האָבן מיר זיך צוגעשאַרט צו מורקעס שטוב. אַ קליין לעמפּל האָט געברענט אינווייניק און מיר האָבן דורכן פענצטער געזען מורקעס רויטן קאָפּ, ווי ער זיצט און שניצט עפּעס מיט א מעסערל. וואָווקע האָט דערלאַנגט א פייף און מיר אלע דריי האָבן זיך באַלד באַהאַלטן הינטער דער וואַנט. מורקע איז נישט ארויסגעקומען. וואָווקע האָט געטאָן נאָך אַ פייף, אַ לענ-גערן, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט א דריי. איצט האָט מורקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט מיט אויפגעשטעלטע אויערן און באלד האָט ער אוועקגע-וואָרפן דאָס שטיקל האָלץ וואָס ער האָט געשניצט און איז געגאַנגען צו דער טיר.

— איצט איז די צייט, — האָט וואָווקע אונדז איינ-גערוימט, — געדענקט, קיין וואָרט טאָרן מיר נישט ארויסרעדן.

אין א מינוט ארום איז שוין מורקע געווען אין דרויסן און ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן. מיר האָבן געוואַרט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. מורקע קוקט און שמעקט מיט דער נאָז. ער זעט קיינעם נישט און מיר דערקענען אויף אים, אז עפּעס איז ער חושד. איז ער אָבער מורקע, — וואָס הייסט ער וועט מורא

אַז מיר זענען געקומען צום בריקל האָט מורקע זיך אַ שטאַרקן וואָרף געטאָן

האָבן ? אז ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיט דער פּלייצע, האָט וואָווקע געגעבן אַ שפּרונג, ארויפגע־וואָרפן אויף אים דעם זאַק און איך מיט שרעטעלען האָבן אים דערלאַנגט אין די קני ער זאָל אומפאַלן. סהאָט נישט גענומען קיין מינוט, איז מורקע שוין גע־ווען אינגאַנצן אין זאַק. ער האָט זיך געוואָרפן, געטרי־פּעט, אָבער קיין קול האָט מען פון אים נישט געהערט. דעם זאַק האָבן מיר פאַרבונדן און שווייגנדיקערהייט האָבן מיר אים געשלעפּט איבער דער שטויביקער גאַס.

אַז מיר זענען געקומען צום בריקל האָט מורקע זיך אַ שטאַרקערן וואָרף געטאָן און ער איז אַריינגעפאַלן אין טייכל אריין. אָן אָטעם זענען מיר אנטלאָפן, זיך נישט אומגעקוקט אויף צוריק, און איינציקווייז זענען מיר אריינגעגאַנגען אין שטוב צו אונדז.

מען געפינט מורקען

אין שטוב איז אונדז אנטקעגנגעקומען דער טאַטע און האָט נאָר געוואָלט וויסן וואו מיר זענען געווען אזוי שפּעט אין א פינצטערער נאַכט. וואָוקע האָט גע-וואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער טאַטע האָט אים נישט געלאָזט רעדן: דיינע מעשיות קען איך שוין, האָט ער אָנגעשריגן אויף אים. שרעטעלע האָט אונדז געראַ-טעוועט. דער קאָפּ טוט אים וויי, האָט ער געזאָגט, און ער וויל שלאָפן. און מיר טוט וויי דער בויך, האָב איך א קרעכץ געטאָן. וואָוקע האָט שוין געשוויגן. מיר האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן אריינגעשאַרט אין אַל-קערל און זיך אריינגעוואָרפן אין בעט.

וואָס וועט איצטער זיין מיט מורקען? ער ליגט אונטערן בריקל אין זאַק און וועט נאָך אפשר דער-וואָרגן ווערן. ניין, ס׳איז אונדז נישט געווען גוט. מיר האָבן שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער געשיכטע. מיר האָט טאַקע אויף אַן אמתן אָנגעהויבן וויי צו טאָן דער בויך, און וואָוקע, האָב איך געזען, קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. נאָר שרעטעלע האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן. ער האָט זיך געשטעלט אויפן בעט מיטן קאָפּ אַראָפּ און האָט געזונגען צו זיך אַליין:

מורקע ליגט אין זאַק... מורקע ליגט אין זאַק...

כ׳האָב אים געוואָלט צערייסן אויף שטיקער פאַר זיין זינגען, נאָר רעדן הויך האָב איך מורא געהאַט, דער טאַטע זאָל נישט דערהערן.

אזוי ווי מיר זענען אזוי געלעגן אין בעט, האָט זיך פלוצלינג דערטראָגן אַ געשריי פון איבערן געסל. אפילו שרעטעלע האָט א ציטער געטאָן פונעם געשריי. וואָווקע האָט זיך איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין די קישנס און איך האָב חשק געהאַט ארונטערצוקריכן אונטערן בעט. וואָס ווייטער איז דאָס געשריי געוואָרן העכער און מיר האָבן דערקענט אַז ס'איז מורקעס מאַמע. מיר האָבן געהערט ווי טירן האָבן זיך געעפנט, מענטשן זענען ארויסגעלאָפן אין גאַס און באַלד האָט גאַנץ לעקסענדרען געדערעדט, געשריגן, געוויינט. איבער אַלע קולות האָט זיך געטראָגן מורקעס מאַמע: וואו איז מיין מורקע? מיין גאָלדן קינד וואו איז?

מיר האָבן מורא געהאַט ארויסצוגיין, ווייל מע קען נאָך אויף אונדז דערקענען, אַז מיר זענען דערשראָקן. אָבער לאַנג האָבן מיר זיך נישט איינגעהאַלטן: שרעטעלע איז ארויסגעלאָפן דער ערשטער און איך מיט וואָווקען זענען אים נאָכגעלאָפן. אויף דער גאַס זענען ארומגעגאַנגען מענטשן מיט לאַמטערנעס, ווייבער האָבן זיך געבראָכן די הענט, קינדער האָבן געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן. מורקעס מאַמע איז געשטאַנען אינמיטן גאַס און האָט דערציילט יעדן איינעם ווי עמעצער האָט אַ פייף געטאָן, איין מאָל און צוויי מאָל, מורקע איז ארויסגעגאַנגען און ער איז נישטאָ. ווייבער האָבן געזאָגט, אַז נישט-גוטע האָבן אים פאַרנאַרט. איינער אַ ייד האָט געשריגן אַז דאָס איז נאָך אַלץ קאָפּלס ארבעט. דער קונצנמאַכער האָט געבראַכט אומגליק אויף לעקסענדרען. אָבער וואו איז מורקע? מע איז אַרומגעגאַנגען מיט לאַמטערנעס, געזוכט אין

אלע ווינקעלעך, געגישטערט אין אלע לעכער, — מור־קע איז נישטאָ.

דאָ האָט וואָוקע, ווי א גרויסער, געכאַפּט ביי איי־נעם דעם לאַמטערן און געלאָזט זיך לויפן צום בריקל: מע דאַרף אים זוכן ביים בריקל, האָט ער געשריגן. מענטשן זענען אים נאָכגעלאָפן און אויפן בריקל זענען אלע געבליבן שטיין. וואָוקע האָט דער ערשטער ארונטערגעלאָזט דעם לאַמטערן ארונטער צום בריקל און נאָך אים האָבן זיך ארונטערגעלאָזט נאָך אפשר צען לאַמטערנעס. פּלוצלינג האָט וואָוקעס מאַמע א געשריי געטאָן: ווינד איז מיר, א פאַרבונדענער זאַק, עפּעס טריפעט זיך אין זאַק!

— עפּעס טריפעט זיך אין זאַק, — איז פּלוצלונג גע־וואָרן א געשריי פון אלע זייטן. יאָשקע דער שמיד איז ארונטערגעשפרונגען אונטערן בריקל, נאָך אים איז געשפרונגען שמואל טעסלער און דער עולם אויפן בריקל איז געשטאַנען און האָט מורא געהאט צו אָטעמען.

— לייכט־צו מיט די לאַמטערנעס, — האָט יאָשקע דער שמיד געשריגן פון אונטן.

אלע האָבן זיך אריבערגעבויגן מיט די לאַמטער־נעס און דער שמיד מיטן טעסלער האָבן זיך אונטן גע־פּאָרעט מיטן זאַק. א מעסערל האָט יאָשקע געשריגן, מע דאַרף אויפשניידן דעם זאַק, א לעבעדיקע זאַך וואַרפט זיך אינעווייניק. דער טעסלער האָט פון אַ קע־שענע ארויסגעשלעפּט אַ מעסערל און יאָשקע האָט אויפגעשניטן דעם זאַק. פריער האָט זיך ארויסגע־שטעקט מורקעס רויטער קאָפּ, דערנאָך דאָס פּנים זיינס און דערנאָך . . . אָבער דערנאָך האָבן מיר שוין

גאָרנישט געקענט זען, ווייל מורקעס מאַמע, און נאָך איך אפשר פופציק ווייבער און מענער, האָבן זיך אַלע א לאָז-געטאָן מיט א גוואַלד, מיט א געפּילדער ארונ-טער, אז מורקען האָט מען שוין נישט ארויסגעזען.

ווען מע האָט אים ארויפגעבראַכט, איז ער געווען בלייך, די אויגן זענען אים געווען איבערגעקערט און דער גאַנצער גוף זיינער האָט געציטערט. די מאַמע זיינע האָט אים געהאַלטן ארומגענומען און האָט אַלץ געשריגן: וואָס האָט מען דיר אָפּגעטאָן, מיין קרוין, מיין תכשיט? אָבער מורקע האָט פון שרעק קיין וואָרט נישט געקענט רעדן. דערפאַר האָבן מיר גערעדט צווישן זיך און האָבן קיין מורא נישט געהאַט, ווייל קיי-נער האָט זיך סיי-ווי-סיי אויף אונדז נישט אומגעקוקט.
— איצט וועט ער שוין וויסן דער רויטער גזלן! — האָט שרעטעלע געזאָגט.

—ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט ריזן, — האָט וואָוו-קע זיך באַרימט.

— און וואָס וועט זיין, אז ער וועט קראַנק ווערן פון שרעק? — האָב איך געפרעגט.

— א גזלן ווערט נישט קראַנק, — האָט שרעטעלע געזאָגט, ווי א מענטש וואָס ווייסט, — א גזלן איז א גזלן, און דו הער אויף צו רעדן.

אָבער איך האָב נישט געוואָלט אויפהערן צו רעדן, ווייל איך האָב אַלץ געזען מורקעס איבערגעקערטע אויגן און דאָס האַרץ האָט מיר ווי געטאָן אויף אים, אפילו אז ער איז א גזלן. נאָך נאָכמער האָב איך מורא געהאַט טאָמער וועט מען זיך דערוויסן אז מיר האָבן אים ארייגעלייגט אין זאַק און ארונטערגעוואָרפן

אונטערן בריקל. וואָווקע האָט מיך אויסגעלאַכט: ווי וועט מען זיך דערוויסן, אז קיינער האָט נישט געזען? מורקע אליין האָט אויך נישט געזען.

מורקען האָט מען אָפּגעפירט אַהיים און יאָשקע דער שמיד האָט נאָכגעטראָגן דעם זאַק. צו וואָס האָט ער געדאַרפט דעם זאַק, דער נאַרישער יאָשקע? צוליב אים האָט מען זיך שיר נישט דערוואוסט דעם גאַנצן אמת.

מיר געפינען דעם אוצר

אינדערפרי, ווי נאָר מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָבן מיר שוין געהערט אז לעקסענדרען קאָכט. מורקעס מאַמע איז ארומגעגאַנגען איבערן שטעטל און האָט אַלץ געטענהט אַז עמעצער האָט געוואָלט אומברענגען איר טייערן מורקען, איר גאָלדענעם זון. מורקע אליין, נאָך אַלץ א בלייכער און דערשראָקענער, האָט דערציילט ווי דריי חברה-לייט האָבן אים געשלעפּט אין זאַק און אריינגעוואָרפן אין דער קאַנאַווע אונטערן בריקל. אָבער ווער האָט עס געטאָן? האָבן זיך אַלע געבראָכן די קעפּ און נישט געקענט פארשטיין.

— אפשר ציגיינער? ניין, קיין ציגיינער האָט מען נישט געזען שוין עטלעכע וואָכן.

יאָשקע דער שמיד האָט זיך ארומגעטראָגן מיטן זאַק און האָט עפּעס געבישטערט אין אַלע שטאַלן, אין אַלע קאַמערן. וואָס זוכט ער, דער נאַרישער יאָשקע? וואָוקע האָט אונדז געזאָגט, אַז דער זאַק וועט אונדז קוילען, וואָרעם וואָס טוען מיר אַז עמעצער דערקענט דעם זאַק?

און אזוי איז טאַקע געווען: יאָשקע איז אריינגעקומען צו אונדז אין שטוב, נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען מורקעס מאַמע, מורקע אליין און א גאַנצע כאָפּטע ווייבער. יאָשקע האָט געטראָגן דעם זאַק אונטערן אָרעם און מיט דער נאָז האָט ער עפּעס געשמעקט, ווי א קאַץ וואָס דערשמעקט א פייגעלע. דאָס האַרץ האָט ביי

מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן און די אויגן האָב איך ארונ־
טערגעלאָזט, ווייל איך האָב מורא געהאַט מע זאָל אויף
מיר נישט דערקענען וואָס אין האַרץ ביי מיר טוט זיך.
וואָוקע איז פּלוצלונג געוואָרן שטאַרק פאַרנומען מיט
א שטיקל האָלץ און שרעטעלע האָט אָנגעהויבן צו
פייפן, ווי נישט אים מיינט מען.

— ר׳ לייזער, — האָט יאָשקע געזאָגט דעם טאַטן
מיט אַ קול ווי אַ מעסער, — איר האָט אַ סך אַזעלכע
זעק? — און איידער דער טאַטע האָט נאָך געעפנט דאָס
מויל עפּעס צו זאָגן, האָט יאָשקע שוין געהאַלטן דעם
זאַק צעשפּרייט און געפּאָכעט מיט אים אין דער לופטן.

דער טאַטע האָט באַטראַכט דעם זאַק און איז גע־
בליבן אָן לשון. דאָ איז שוין מורקעס מאַמע ארויס מיט
לשון: וואָס שווייגט איר ר׳ לייזער? מע האָט מיר
שיר נישט אומגעבראַכט מיין זון, מיין טייערן מורקע,
און איר שטייט זיך קאַלט ווי א גזלן.

דער טאַטע האָט געקוקט אויפן זאַק, געקוקט אויף
אונדז און געזאָגט:

— דער זאַק איז טאַקע מיינער, אָבער וואָס קער זיך
עס אָן מיט מיר?

— אָ, סע קער זיך שוין גאָר אָן מיט אייך, — האָט
יאָשקע ווייטער געפּאָכעט מיטן זאַק, — דאָס האָבן איי־
ערע טייערע זינדעלעך פאַרשלעפּט מורקען אין זאַק
און אים שיר דערהרגעט.

דאָ איז אריינגעקומען די מאַמע און זי איז ארויס
מיט לשון: וואָס וויל מען פון אירע קינדער? טאָמער
האָט עמעצער געגנבעט א זאַק ביי איר אין קאַמער,
זענען די קינדער שולדיק? און די מאַמע האָט זיך גע־
שוואוירן אז מיר זענען דעם גאַנצן אויפדערנאַכט נישט
ארויסגעגאַנגען אין דרויסן. דער טאַטע האָט אויך צו־

געבאַמקעט אַז מיר זענען געווען די גאַנצע צייט אין שטוב ביז מיר האָבן נישט געהערט דאָס געשריי. דער־ביי איז עס געבליבן: עמעצער האָט ארויסגעגנבעט א זאַק פון אונדזער קאַמער און פאַרשלעפּט אין אים מורקען. אלע זענען זיך צעגאַנגען פון אונדזער שטוב און דער טאַטע האָט זיך ערשט גענומען צו אונדז, וואָרעם ער האָט דאָך גוט געוואוסט אַז מיר זענען נישט געווען אין שטוב. מילא, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט פונעם טאַטן בין איך אייך מוחל, אָבער אין לעקסענדרען האָט קיינער נישט געוואוסט דערפון און מורקע אליין איז געווען אזוי דערשלאָגן, אז ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצוהייבן מיט אונדז. אָבער וואָס טוט מען מיטן אוצר? איצט, אז מורקע גייט ארום מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרוואָלקנטע אויגן, איז די בעסטע צייט צו זוכן דעם אוצר.

פאַרנאַכט, איידער די זון האָט זיך געזעצט, האָבן מיר זיך ווידער גענומען גראָבן לעבן דעם בוים. קיינער האָט זיך אויף אונדז נישט אומגעקוקט, ווייל אלע קינדער זענען נאָך געווען פאַרנומען מיט מורקען, און מיר האָבן געאַרבעט געשמאַק. די ערד איז געווען ווייך, ווי עמעצער וואָלט פריער דאָ געגראָבן און אין אַ האַלבער שעה צייט האָבן מיר זיך דערגראָבן צו עפּעס אַ האַרטער זאַך. וואָווקע האָט אַזש געגעבן אַ שפּרונג אין דער לופטן: מיר האָבן עס! שרעטעלע האָט געפּאַטשט מיט די הענט און איך האָב זיך אָנגעבויגן און ארויסגעשלעפּט אַ קליין הילצערן קעסטעלע. דאָס איז דער אוצר, דאָס איז דער אוצר! האָט שרעטעלע געטאַנצט.

מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אונטערן בוים און שטילערהייט געעפנט דאָס קעסטעלע. מיר האָבן גע־

פונעץ דאָרטן שטיקלעך מעש און קופּער, צוויי פּייפּע־לעך, אַ לענגעכיק שטיקל העלפאַנטביין און אַ פּאַפּיר. אויפן מעש און קופּער האָבן מיר געמיינט אַז ס׳איז גאָלד, אָבער געפרייט האָבן מיר זיך מיטן פּאַפּיר, ווייל מיר האָבן געוואוסט אַז קאַפּל דער קונצנמאַכער האָט אונדז דאָרטן אָנגעזאָגט ווי אַזוי מיר זאָלן קומען צום שור הבר.

— לאָמיך אויפוויקלען דאָס פּאַפּיר, — האָט שרע־טעלע געזאָגט.

— ניין, איך וועל עס אויפוויקלען, — האָט וואָווקע געשריגן, — איך בין דער עלטערער און קען לייענען.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — האָב איך זיך אריינגע־מישט, — לאָמיר אַלע דריי אויפוויקלען דאָס פּאַפּיר, מיר זענען דאָך אַלע דריי ריזן.

אַך, איז דאָס געווען אַ טייער פּאַפּיר.

דער וועג צום שור־הבר

אויף מאָרגען זענען מיר געקומען אונטערן בוים גאַנצפֿרי און מיר האָבן ווידער אויפֿגעמאַכט דאָס קעסטעלע. מיט ציטערדיגע הענט האָט וואָוקע ארויסגענומען דאָס פּאַפּיר און אַלע דריי האָבן מיר עס אויפֿגעוויקלט.

וואָוקע האָט געלייענט אין דער הויך און מיר האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט-פֿאַר-וואָרט:

„דער שור-הבר פּאַשעט זיך אויף די פֿעלדער פֿון ארם-נהרים (אַראַם נעהאַראַאיעם). מע דאַרף דריי טעג און דריי נעכט גיין און גיין ביז מע קומט צו אַ וואַסער. דאָרטן דאַרף מען נעמען אַ שיף און פֿאָרן אַכצן טעג און ניינצן נעכט ביז מע קומט צו אַ ברעג, וואָס דערבײַ הייבט זיך אויף אַ הויכער, הויכער באַרג. צוויי טעג דאַרף מען קלעטערן אויף יענעם באַרג און אויפֿן דריטן פֿאַרטאָג קומט מען אָן צו אַ גלייך פֿעלד מיט צוויי טייכן פֿון ביידע זייטן. איין טייך איז אַ גרינער, דער צווייטער איז אַ בלויער. מיט די הינטערשטע פֿיס שטייט דער שור-הבר אין גרינעם טייך און מיט די פֿעדערשטע שטייט ער אין בלויען טייך. דאַרף מען זיך פֿאַר׳גנבֿ׳ענען צו אים פֿון הינטן, ביים גרינעם טייך, און אַרויפֿכאַפּן זיך אויף אים. נאָר טאָן דאַרף מען עס פֿאַרנאַכט, ווען ער האַלט דעם קאָפּ אין בלויען טייך און טרינקט, דענצמאָל הערט ער נישט. אַז מע כאַפּט זיך אויף אים אַרויף, גליטשט מען זיך אַרונטער איבער זיין רוקן ווי באַרג- אַראָפּ און מע כאַפּט אים אָן ביי די הערנער. דער-

נאָך גיט מען אים די הערנער אַ פּאַרדרייי אויף דער לינ-
קער זייט, פּאַרלירט ער אינגאַנצן זיין כח און קען זיך
מער נישט ווערן...״

אז וואָווקע האָט געענדיקט לייענען דאָס פּאַפּיר,
זענען מיר געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער. איך
האָב זיך אויסגעמאָלט ווי מיר גייען און גייען דריי טעג
מיט דריי נעכט, ווי מיר פאָרן אויף דער שיף און דער-
נאָך קלעטערן מיר אויפן באַרג, — אָ, קאָפּל דער קונצנ-
מאַכער האָט אונדז שוין גוט אָנגעוויזן ווי אזוי מיר זאָלן
קומען צום שור-הבר. אָבער ווער וועט ארויפקלעטערן
אויפן שור-הבר? אלע דריי? אין פּאַפּיר שטייט דאָך
אז נאָר איינער זאָל ארויפקלעטערן.

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב קיין חשק
נישט געהאַט ארויפצוקלעטערן אויפן שור-הבר, ווייל
וואָס טו איך, אז ער גיט זיך אין מיטן דערינען אַ וואָרף?
וואָווקע דאַרף עס טאָן, ער איז דער עלטערער און ער
האָט אויסגעטראַכט אז מיר זענען ריזן. אזוי האָב איך
געטראַכט ביי זיך און האָב א קוק געטאָן אויף וואָוו-
קען, ווי ער וויקלט צונויף דאָס פּאַפּיר. שרעטעלע איז
געזעסן מיט אָנגעצונדענע אויגן און די הענט האָט ער
געוואָרפן, ווי ער וואָלט שוין פאַרדרייט די הערנער ביים
שור-הבר. וואָווקע אָבער האָט אויף אונדז נישט גע-
קוקט.

— ווער וועט ארויפקלעטערן אויפן שור-הבר? — האָט
וואָווקע פלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— ווער? דו, — האָב איך געזאָגט, — דו ביסט דאָך
דער עלטסטער ריז.

— פאַרוואָס עפּעס איך? מיר זענען אַלע גלייכע
ריזן. איצט בין איך גרעסער פון אייך, אָבער אַז מיר

וועלן ווערן ריזן, וועט נישט זיין קיין גרעסער און קיין קלענער . . .

יאָ, וואָווקע האָט אויך מורא געהאַט אַרויפצוקלע־טערן אויפן שור־הבר, און איך האָב זיך געטראַכט: אויך מיר אַ ריז, אַפילו אויף אַ שור־הבר האָט ער מורא אַרויפצוקלעטערן . . .

נאָר שרעטעלע האָט קיין מורא נישט געהאַט. ער האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף, אַז דאָס היטל איז אים אַזש אַרונטערגעפאַלן פונעם קאָפּ. די הענט האָט ער געהאַלטן צונויפגעדריט, ער האָט אָנגעכאַפּט צוויי גראָבע צווייגן אויפן בוים און האָט געשריגן:

— אָט אַזוי וועל איך אים פאַרדרייען די הערנער. ער וועט ביי מיר אַנידערפאַלן איינס־און־צוויי, אַז ער וועט זיך נישט קענען רירן . . .

— גוט, שרעטעלע, דו וועסט אַרויפקלעטערן אויפן שור־הבר, — האָט וואָווקע באַלד נאָכגעגעבן, און איך האָב זיך אויך מחיה געווען, וואָס אַן אַנדערער, נישט איך, וועט זיך באַלד אָנהייבן מיטן שור־הבר. אַז שרע־טעלע וויל אַליין, וועל איך זיך נישט קריגן מיט אים איבער דעם . . .

איז אַזוי געבליבן ביי אונדז. אָבער ווען לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין? דאָ איז שוין וואָווקע ווידער געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער, נאָר שרעטעלע האָט אים נישט געלאָזט רעדן.

— אַז איך קריך אַרויף אויפן שור־הבר, — האָט ער געזאָגט, — בין איך דער פירער פון די ריזן און איר דאַרפט פאָלגן וואָס איך וועל זאָגן.

אַודאי איז שרעטעלע גערעכט געווען, אָבער וואָווקע האָט עס נישט געוואָלט ליידן: וואָס הייסט? ער האָט דאָך אונדז געמאַכט פאַר ריזן, ער האָט דאָך

אויסגעקלערט די מעשה מיטן שור-הבר און דעם לויתן, דאַרף ער זיין דער פירער. איך האָב געזען, אַז וואָוקע מיט שרעטעלעך וועלן זיך נאָך צעשלאָגן און, אַז ריזן שלאָגן זיך צווישן זיך אַליין, קענען זיי נאָך איינער דעם אַנדערן דערהרגענען.

האָב איך געזאָגט:

— מיר זענען אַלע דריי די פירער און מיר וועלן אַלע דריי אויסקלערן ווען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

איידער מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָבן מיר נאָך געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַ קליינעם שור-הבר.

שרעטעלע אויפן אָקס

געמיינט האָבן מיר, אַז מורקע האָט זיך שוין אָפּ־געטשעפּעט פון אונדז, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. דער רויטער גזלן איז אין עטלעכע טעג געקומען צו זיך פון דער שרעק וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען מיר האָבן אים פאַרנאַרט אין זאַק אריין, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיינע אַלטע שטיק.

אין איינעם אַן אינדערפרי האָבן מיר זיך געשפּילט אויפן פעלד הינטער דער שטוב און, פאַרשטייט זיך, אַז אינמיטן דער שפּיל האָבן מיר זיך ווידער צערעדט פון אונדזער רייזע צום שור־הבר. מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעגרייט דריי טאָרבעלעך מיטצונעמען עסן און שטריק, מעסערלעך און טשוועקעס, — מאַלע וואָס מע קען דאַרפן אויף אַזאַ וויטן וועג. מיר זענען געווען גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אריין, מיר האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ פינצטערער נאַכט. אַז מיר וועלן ארויסגיין ביינאַכט, האָט וואָוקע געזאָגט, וועלן מיר ביז פאַרטאָג זיין אַזוי וויט, אַז קיינער וועט אונדז שוין נישט קענען דעריאָגן.

און ווי מיר שפּילן זיך אזוי, דערזעט פּלוצלינג שרעטעלע דעם רויטן מורקע. געזען האָבן מיר אים אַלע טאָג, אָבער איצט איז געווען עפּעס אַנדערש. מורקע איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי אַ קאַץ ווען זי וויל זיך צושאַרן צו אַ מייזל. דער גאַנג זיינער איז אונדז נישט געפעלן. היינט האָט ער נאָך געהאַלטן די הענט הינטער זיך און אַלעמאָל האָט ער זיך אומגעקוקט אויף

הינטן. ניין, מורקע איז אונדז גאָרנישט געפעלן, און מיר האָבן באַלד דערשמעקט אַז סע רוקט זיך אויף אונדז אַן אומגליק.

— דער רויטער גזלן גייט אויף א ו נ ד ז, — האָט שרעטעלע געזאָגט שטיל.

— ווייסער וואָס, דיר דאַכט זיך אויס, — האָט זיך וואָווקע געמאַכט האַרץ, — ער איז אַ געשלאָגענער הונט.

איך אַליין האָב זיך געוואָלט שטאַרקן און האָב גע-זאָגט, אַז וואָס האָבן מיר מורא פאַר אים? ער איז דאָך אַליין, וועלן מיר אים צעברעכן די ביינער. נאָר מיר האָבן נישט אַרונטערגענומען פון אים די אויגן, ווייל מיר האָבן געזען אַז ער גרייט זיך אויף עפּעס.

פּלוצלינג האָט מורקע אַ קריי-געטאָן ווי אַ האָן און אין אַ רגע זענען פון הינטער די פּלויטן אַרויסגעשפּרונ-גען זיינע זעקס חברה-לייט. איידער מיר האָבן געקענט אויסרעדן אַ וואָרט צווישן זיך, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן גלייך אויף אונדז. איצט האָט שוין מורקע גע-האַלטן די הענט פון פאָרנט און מיר האָבן געזען אַז ער טראָגט אַ זאַק. א-א, מורקע האָט, ווייזט אויס, די גאַנצע צייט געוואוסט, אַז מ י ר האָבן אים פאַרפּאַקט אין זאַק, נאָר ער האָט אַליין געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אונדז.

וואָס טוט מען? צוריקטרעטן? צו-שפּעט. וואָ-רעם זיי האָבן אונדז אָפּגעשניטן דעם וועג אויף צוריק. אַנטלויפן אין פעלד אַריין איז די איינציקע עצה, אָבער דאָס פעלד איז אָפן און מורקע מיט זיין חברה זענען גוטע לויפערס. שלעכט, מיר וועלן מוזן פירן אַ מלחמה דריי קעגן זיבן. אָך, ווען מיר האָבן כאָטש מיט זיך די שטריק מיט די טשוועקעס.

דערווייל איז מורקע צוגעקומען. ער איז נישט אָנגעפאַלן אויף אונדז, נאָר גאָר אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיסע ריידעלעך, ווי ער איז גאָר אַ פריינט אונדזע־רער. די חברה־לייט זיינע זענען געשטאַנען ארום אונדז און די הענט זייערע, האָבן מיר געזען, זענען געווען צו־נויפגעדריקט אין פויסטן, אָט וועלן זיי נעמען זעצן.

— איך שפילט זיך? — האָט מורקע געפרעגט, — אפשר ווילט איר זיך שפילן אין זאַק?

— ווי אַזוי שפילט מען זיך אין זאַק? — האָט זיך וואָווקע געמאַכט טאַמעוואַטע.

— מיר וועלן אייך שוין אויסלערנען די שפיל, — האָט מורקע אַ וואונק געטאָן מיט די אויגן צו זיינע חברה־לייט, — סע איז זייער אַ שיינע שפיל.

— ניין, מיר ווילן נישט קיין נייע שפילן, — האָט זיך שרעטעלע אָנגערופן.

— איר ווילט נישט? פאַר וואָס, קעצעלעך מיינע? סע איז אַ טייערע שפיל.

וואָווקע האָט זיך אָנגעהויבן צו רוקן אויף צוריק. איך האָב זיך אָנגעבויגן, ווי איך וואָלט עפּעס געזוכט אויף דער ערד און שרעטעלע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. דער רויטער גזלן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גע־פּאָרעט זיך מיטן זאַק און אין דער מינוט האָט אים שרעטעלע געגעבן אַ האַק אין די פּיס, אַז ער האָט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אין דרערד. די אַנדערע חברה־לייט האָבן צום אָנהייב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, ווייל זיי האָבן זיך נישט געריכט אויף דעם, און זיי האָבן זיך געגעבן אַ בייג אַרונטער אויפצוהייבן מורקען.

— איצט לאָמיר אָפּטרעטן, — האָט אונדז שרעטע-
לע אַ קאָמאַנדעווע-געטאָן.

מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן, אָבער מיר האָבן זיך פאַרקערעוועט צום פעלד, נישט צו די פּלויטן. דאָס איז געווען שלעכט, ווייל מורקע איז באַלד אויפגעשטאַ-נען און די חברה-לייט נאָך אים. מיר זענען געלאָפן ווי אונטערגעשאָסענע און זיי נאָך אונדז.

ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געלאָפן ווייס איך נישט. אומגעקוקט האָבן מיר זיך ווען פּלוצלינג איז פאַר אונדז אויסגעוואקסן אַן אָקס. פונוואַנעט האָט ער זיך גענו-מען? גרויס איז ער געווען, אפשר העכער פון אונדזער שטוב, און הערנער האָט ער געהאַט גלייכע, געקאַרב-טע, מיט פאַרשאַרפטע שפּיצן. איבערלויפן אים האָבן מיר מורא געהאַט, וואָרים אַן אָקס, אַז מע אַנטלויפט פון אים, ווערט ער ערשט גוט צערייצט און יאָגט זיך נאָך.

לעקסענדרען האָבן מיר נישט געזען, מורקע מיט זיין חברה אויך נישט. וואו זענען מיר? שרעטעלע האָט דער ערשטער זיך געפונען:

— ווייסט איר וואָס? לאָמיר שוין פּרואוון אונדזער כח אויפן קליינעם שור-הבר!

— וואָס רעדסטו? — האָט וואָוקע אויסגעשריגן, — מיר זענען דאָך דערווייל נישט קיין ריזן און דער אָקס איז אַזאַ גרויסער.

אָבער שרעטעלע האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם: דאָס איז דער קליינער שור-הבר און מיר דאַרפן אויס-פּרואוון אויף אים אונדזערע כוחות. דער אָקס איז גע-שטאַנען אַ שטילער און האָט אויף אונדז אפילו נישט געקוקט, האָבן מיר דערווייל געקענט זיך דורכשמועסן.

געבליבן איז ווי שרעטעלע האָט געזאָגט: איך האָב זיך אָנגעבויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ, וואָוקע איז ארויפּ־געקראָכן אויף מיר און דערנאָך איז שרעטעלע ארויפּ־געקראָכן אויף וואָוקען. פון וואָוקען האָט זיך שרע־טעלע אַראָפּגעגליטשט גלייך צום אָקס אויפן רוקן.

איר האָט געדאַרפט אָנקוקן שרעטעלען. די אויגן האָבן אים געברענט און געזעסן איז ער אויפן אָקס, ווי אַ רייטער אויף אַ פערד. מיר ביידע, איך מיט וואָוקען, זענען געשטאַנען דערציטערטע, ווייל מיר האָבן געזען ווי דער אָקס דרייט זיך אַהין און אַהער.

שרעטעלע האָט זיך ביסלעכווייז ארונטערגערוקט ביז צו די הערנער און האָט מיט ביידע הענט זיי אָנגע־נומען. און דאָ האָט עס געטראָפן: דער אָקס האָט פלוצלונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך ארומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט, די פיס האָט ער אַ גראָב־געטאָן אין דער ערד און... געלאָזט זיך לויפן.

איר מיינט אודאי אַז ס׳איז געווען אַ פשוט לויפן. אָ, ניין, ער האָט זיך געטראָגן ווי אַ ווינט, און שרעטעלע איז געזעסן אויף זיין רוקן און זיך אָנגעהאַלטן אין די הערנער. מיר זענען נאָכגעלאָפן און געשריגן און שרע־טעלע איז געשפּרונגען אין דער לופטן און געשריגן. וואָס העכער מיר האָבן געשריגן, אַלץ גיכער איז דער אָקס געלאָפן, ביז מיר האָבן אים שוין נישט געקענט דעריאָגן.

די מעשה מיטן אָקס איז נישט אָפּגעלאָפן אַזוי גלאַט.

אויס ריזן — אַ סוף צו דער מעשה

פּלוצלינג האָט זיך דער אָקס געגעבן אַ דריי־אויס צו אונדז און, — מיטן קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד און די הערנער אויסגעשטעלט פאָרויס, — האָט ער זיך געוואָרפן גלייך אויף אונדז. איר האָט געדאַרפט זען ווי פון דער נאָז האָט אים געזעצט אַ רויך, ווי אינעווייניק וואָלט ביי אים געברענט אַ פייער, און די אויגן זענען אים ארויסגעקראָכן פונעם קאָפּ.

און שרעטעלע אויפן אָקס, — אָ, סע איז געווען אַ שרעק אים אָנצוקוקן. צום אָנהייב איז עס ביי אים געווען אַ שפּיל, אָבער דערנאָך האָט ער געזען אַז דער סוף וועט נישט זיין קיין גוטער און ער האָט געשריגן נישט מיט זיין קול.

אַז דער אָקס האָט זיך אויסגעדרייט, האָבן מיר, — איך מיט וואָווקען, — געלאָזט זיך לויפן צוריק. ווילאַנג מיר זענען אַזוי געלאָפן ווייס איך נישט, נאָר מיט אַמאָל איז פאַר אונדז אויסגעוואָקסן אַ בוים און, — מיר האָבן זיך אפילו נישט אָפּגערעדט, — נאָרביידע האָבן מיר אָנגעהויבן צו קלעטערן אויפן בוים. ווי די מאַלפּעס זענען מיר געקראָכן אויפן בוים און, אַז מיר זענען שוין געווען גאָר אויבן, איז דער אָקס צוגעלאָפן און איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין. ער האָט מיט די הערנער אַ זעץ געטאָן אינעם בוים און שרעטעלע האָט געגעבן אַ קנאַק־ארונטער אויף דער ערד.

סע איז שוין געווען איינמאָל אַ פאַל, דער בוים האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. אַ גליק נאָך וואָס דער אָקס אַליין האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן. מיר,

פונעם בוים, האָבן ארונטערגעקוקט און די הערצער זענען אונדז צעריסן געוואָרן פאַר שרעטעלען.

ווען דער אָקס איז שוין געווען ווייט, זענען מיר ארונטערגעקראָכן פונעם בוים. שרעטעלע איז געלעגן אַ האַלב-טויטער, די אויגן פאַרמאַכט, פונעם מויל האָט אים אַרויסגעזעצט אַ שוים.

— שרעטעלע, עפן די אויגן, — האָט וואָוקע גע־שריגן צו אים מיט אַ וויינענדיק קול און אים געטרייסלט.

אָבער שרעטעלע האָט די אויגן נישט געעפנט.

— שרעטעלע חלשט, — האָב איך געזאָגט, און וואָוקע האָט ערשט איצטער אויפגעהויבן דאָס אמתע געשריי.

איך האָב נישט געשריגן, נאָר איך בין געלאָפן צום שטעטל. סע האָט מיר גענומען אַ לאַנגע צייט ביז איך בין צוריקגעקומען מיט צוויי מענטשן, וואָס איך האָב געטראָפן אויפן וועג. וואָוקע איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער שרעטעלען און האָט געבראָכן די הענט. די צוויי מענטשן, — שכנים אונדזערע, — האָבן אויפגעהויבן שרעטעלען און איינער האָט גע־זאָגט:

— ער חלשט פון שרעק. מע דאַרף גיסן אויף אים וואַסער.

אַ ברונעם איז געווען נישט ווייט און וואָוקע האָט געבראַכט אַן עמער וואַסער. מע האָט שרעטעלען אָפּ־געגאָסן און ער האָט זיך אַ ריר געטאָן. דערנאָך האָט ער געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. ערשט, אַז ער האָט דערזען די צוויי שכנים און אונדז, ווי דער־שראָקן מיר זענען, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

... און שרעטעלע אויפן אָקס, ס'איז געווען אַ שרעק אים אָנצוקוקן ...

— מאַמע ... טאַטע ... אָקס ... שור הבר ...

— וואָס פּלאַפּלט ער? — האָבן די מענטשן גע־פרעגט, — ער איז רעכט אין דער אַרבעט, ווייזט אויס...

מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען וואָס שרעטעלע רעדט, אָבער דערציילן האָבן מיר נישט געקענט, וואָרעם די מעשה מיטן שור־הבר האָבן מיר דאָך געדאַרפט האַלטן בסוד.

מיר האָבן געבראַכט שרעטעלען אַהיים און, פרעגט שוין גאָרנישט וואָס סע האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן. די מאַמע האָט געוויינט ווי מע באַוויינט אַ טויטן. דער טאַטע האָט געשוויגן, אָבער ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב און האָט אַלעמאָל געוואָרפן אויף אונדז אַ קוק, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט צערייסן אויף שטיקער.

שרעטעלען האָט די מאַמע אַריינגעלייגט אין בעט, איינגעדעקט מיט דריי קאָלדרעס, כאָטש סע איז געווען אין מיטן זומער. שרעטעלע איז געלעגן פאַרטאַיעט, מיט אָפענע אויגן וואָס האָבן גאָרנישט געזען. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן פונעם שור־הבר, קאָפּל דעם קונצנמאַכער, דעם רויטן מורקען און וואָס איר ווילט אַליין. דריי טעג איז שרעטעלע אַזוי אָפּגעלעגן אין היץ, אויפן פערטן טאָג האָט די היץ אָנגעהויבן אָפּצופאַלן, די אויגן זענען אים געוואָרן קלערער און ער האָט אויפ־געהערט צו רעדן זיינע נאַרישקייטן.

ווען שרעטעלע האָט שוין אָנגעהויבן אַרומצוגיין, איז ער געווען אויסגעדאַרט און בלייך, די אויגן זענען אים געווען גרויס און אומעטיק, — גאָרנישט דער שרע־טעלע וואָס אַלעמאָל. ער האָט געשוויגן און האָט זיך געהיט פון אונדז, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז מיר זאָלן אים ווידער עפּעס נישט אָפּטאָן. אָבער מיר האָבן

דאָך אים גאָרנישט אָפּגעטאָן, ער אַליין האָט דאָך גע-וואָלט אויספּרואוון דעם אָקס, איידער מיר גייען צום שור-הבר.

סע איז שוין געווען שפּעט אין זומער. לעקסענדרען איז שוין געווען פול מיט קאַוועס, מאַליאָנעס און וויינ-טרויבן. אין דער צייט איז זייער פריילעך אין לעקסענ-דרען: אויף די פעלדער דרעשט מען די תבואה און סע טראָגט זיך פון דאָרטן אַ געזאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין שטעטל אַליין זענען יידן פאַרנומען מיט קויפן און פאַרקויפן תבואה. אַלע אינדערפרי קומען וואָגנס אָנגעלאָדן מיט קאַוועס, מאַליאָנעס און וויינ-טרויבן. קינדער לויפן ארום איבערן געסל און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי, ווייל די גרויסע זענען פאַר-נומען.

— וואָס וועט זיין מיט אונדזער גיין צום שור-הבר?

— האָט וואָווקע זיך אָנגערופן אין איינעם אַ פאַרנאַכט.

— שרעטעלע שווייגט און מיר אַליין...

— מיר אַליין וועלן נישט גיין, — האָב איך אים אי-בערגעריסן.

— אפשר איז שרעטעלע נאָך אַלץ אַ ריז? — האָט וואָווקע ווייטער געפרעגט.

— אפשר איז ער נאָך... מיר וועלן אים פרעגן.

טאַקע יענעם פאַרנאַכט איז שרעטעלע ארויסגע-קומען און האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו שפּילן מיט אונדז. אָך, סע איז געווען אַזוי גוט צו זען ווי שרע-טעלע שפּילט זיך שוין, ווי זיינע קלוגע אויגן צינדן זיך אָן. פּלוצלינג האָט אים וואָווקע אַ פרעג-געטאָן:

— שרעטעלע, ווען גייען מיר צום שור-הבר?

שרעטעלע האָט אַ ציטער געטאָן, אין די אויגן איז אים דורכגעלאָפן אַ שרעק. ער האָט געשוויגן און מיר

ביידע זענען געזעסן מיט קלאָפּנדיקע הערצער. דער־נאָך האָט ער געזאָגט שטיל:

— קיינמאָל נישט . . . איך בין שוין מער נישט קיין ריז . . .

— וואָס הייסט דו ביסט נישט קיין ריז? — האָט וואָווקע אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן, — מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט צווישן זיך אַז מיר זענען ריזן?

אָבער שרעטעלע איז געווען קלוג און מיר האָט זיך געדאַכט אַז די אויגן האָבן ביי אים געשמייכלט ווען ער האָט גערעדט:

— דערפאַר, וואָס ווען איך בין געווען קראַנק, האָב איך אויסדערציילט אַלצדינג . . . אַ ריז, אַז ער דערציילט אַז ער איז אַ ריז, ווערט ער אויס ריז . . .

איז שוין שרעטעלע אויס ריז, אָבער מיר? איך מיט וואָווקען? ביי זיך האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ גוטן תירוץ ווי שרעטעלע, וואָלט איך אויך געוואָרן אויס ריז. אויף שרעטעלען האָב איך איצט געקוקט, ווי אויף איינעם וואָס האָט זיך געראַטע־וועט פון אַ פייער און איך, — ווייַ איז מיר, — איך דאַרף נאָך שטיין אין מיטן די פלאַמען. ווען איך וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך זיך געבעטן ביי שרעטע־לען:

— קלוגער ברודער מיינער, מאַך מיך פאַר אויס ריז . . .

וואָווקע איז געווען זייער טרויעריק: ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן שרעטעלען, וואָרעם שרעטעלע איז דאָך געווען דער אמתער ריז, אַ סימן, ער איז דער ערשטער ארויף אויפן אָקס. נאָר שרעטעלע איז דאָך פאָרט גערעכט: ער האָט דערציילט . . .

יאָ, אונדז ביידע, — מיר מיט וואָווקען, — איז גע־

ווען זייער שלעכט. בלייבן נאָר צוויי ריזן האָבן מיר נישט געוואָלט און ווערן אויס ריזן האָבן מיר נישט געקענט.

— ווען קאָפּל וואָלט דאָ איצט געווען, — האָט וואָוקע געזאָגט.

און ווי ער האָט עס ארויסגעזאָגט, איז קאָפּל געקומען. ער איז איצט געווען נאָך אויסגעדאַרטער ווי פריער, און אָפּגעריסן איז ער געווען, און פאַרשטויבט. נאָר דער שמייכל זיינער איז געווען ליכטיקער און די אויגן זענען געווען טיף, ווי איך וואָלט אריינגעקוקט אין טיפע ברונעמער.

— ר׳ קאָפּל! — האָט וואָוקע אויסגעשריגן און האָט אַזש אַ טאַנץ-געטאָן.

— ששש . . . — האָט קאָפּל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — זעצט זיך, קינדער, מיר וועלן זיך דורכרעדן...

קאָפּל האָט אונדז דערציילט אַז דאָס שטעקעלע זיינס האָט זיך צעבראָכן, אַז אין קאָפּרעשט האָבן זיך אים די סטעזשקעס איבערגעריסן . . .

— אָבער איך וועל גיין ווייטער, — האָט ער גערעדט מיט זיין ברוסטיקן קול, — נישטאָ קיין אַנדער זאַך, נאָר גיין און גיין . . .

דערנאָך האָט ער גענומען שרעטעלען ביי דער האַנט און האָט געזאָגט:

— איך האָב געהערט וואָס מיט דיר האָט זיך געטראָפן. דערפאַר טאַקע בין איך געקומען . . . אַבי ביסט כאָטש געזונט . . .

— אָבער ריזן . . . — האָט וואָוקע געזאָגט מיט אַ ציטער אין קול.

— סע איז נאָך נישט געקומען די צייט, — האָט

קאָפּל געזאָגט אַזוי אומעטיק, אַז דאָס האַרץ האָט מיר אַזש אַ דריק געטאָן, — איך דאַרפט אונטערוואַקסן, איך וועט אַ סך וויסן, אַ סך לערנען, וועט איך גיין זיך שלאָגן מיטן שור-הבר . . . איך פאַרשטייט, דער עיקר איז איך זאָלט ו ו ע ל ן אויסלייזן די וועלט, איך זאָלט זיך ו ו ע ל ן שלאָגן מיטן שור-הבר . . .

קאָפּל האָט זיך אָנגעבויגן פריער צו שרעטעלען, דערנאָך צו וואָווקען און דערנאָך צו מיר און האָט אונדז געקושט אין די שטערנס. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אין דער האַלב-טונקלקייט זיך געלאָזט אַוועקשפּאַנען. וואָס ווייטער ער איז אַוועקגעגאַנגען, אַלץ העכער איז ער געוואָרן, — אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט. און, אַז ער איז שוין אין גאַנצן נישט געווען, איז ער ערשט געשטאַ-נען פאַר מיר אַ הויכער, אַ גלייכער און איך האָב, דאַכט זיך, געהערט זיין קול:

— דער עיקר איז איר זאָלט ו ו ע ל ן אויסלייזן די וועלט . . .

פאַרשטאנען האָב איך נישט וואָס ער האָט גע-מיינט, אָבער אפילו היינט, ווען איך בין שוין אַ דער-וואַקסענער, הער איך נאָך זיין ברוסטיק קול:

— דער עיקר איז איר זאָלט ו ו ע ל ן אויסלייזן די וועלט . . .